STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04309

DI AKHTE OBTHEYLUNG IN GEHENEM

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

SOCIALIST LIBRARY,
OF THE
BUND
No. 10
Bridgeport, Conn.

י. ל. פרץ.

SOCIALIST LIBRARY
OF THE
BUND
No. ....
Bridgeport, Conn.

די אכטע אבטהיילונג אין גיהנום

און אנדערע ערצעהלונגען.

אוים דעם העברעאישען
איבערזעצט פון א. פרומקין.

ארויסגעגעבען פון
ל. פרידמאַן, 84 בערוויק סטריט, וועסט.
לאנדאן, 1907.

אינהאלט:

זייטע

פֿאָרוואָרט	5
די אַכטע אָבטהיילונג פֿון גיהנום	9
דער געדאַנק און די האַרף	21
אַ נאַכט פֿון שרעק	35
ביי די זשאַבעס אין דער לוזשע	61
אין צייט־וואָגען	69
צוויי חברים	79
אַ בריעף פֿון דאָרן־מאַן צום רויזענמאַן	85
אַ קינסטלער אין גלות	91
צייט־געזאַנג	95

SOCIALIST LIBRARY
OF THE
BUND
No. ....
Bridgeport, Conn.

פֿארוואָרט.

די ערצעהלונגען, וועלכע קומען אין דעם דאָזיגען ביכעל, זיינען פֿון מיר איבערזעצט געוואָרען אין משך פֿון די יאָהרען 1900־1904 און זיינען געדרוקט געווען אין עטליכע נויאָרקער און לאָנדאָנער צייט־שריפֿטען. אַ טהייל פֿון זיי, ווי „דער געדאַנק און די האַרף“ (המחשבה והכנור), „אַ נאַכט פֿון שרעק“ (ליל זועה) און „צייט־געזאַנג“ (מנגינת הזמן) געהערען צו פּרץ'ס עלטערע שריפֿטען. די איבעריגע האָט ער געשריבען אין די לעצטע עטליכע יאָהר און זיי קענען כמעט אַלע אַרונטערגעהן אונטער איין רובריק: „געדאַנקען פֿון אַ פעסימיסט“; זיי זיינען די אויסדריקע פֿון דעם דיכטער'ס פעסימיסטישע מ אָ מ ע נ ט ע ן, ווען דאָס לעבען מאַכט אַ שטריך אין זיינע האָפֿנונגען... ס'איז אמת, אַז דאָס זיינען ניט מעהר ווי „שטימונגען“, בלויזע מאָמענטען, וועלכע דער דיכטער האָט דורכגעלעבט און דורכגעפֿיהלט, דאָך זיינען זיי אַזוי שטאַרק, אַז מיר בלייבען אַ לאַנגע צייט אונטער זייער ווירקונג, און אָפֿטמאָל לעבען מיר אַליין דורך אָט די ביטערע מאָמענטען אין אונזער נשמה.

די שטאַרקסטע פֿון דיזע שטימונגען איז אָהן אַ שום ספק „די אַכטע אָבטהיילונג אין גיהנום“ (המדור השמיני שבגיהנם). מיט אַ יאָהר זעקס צוריק, ווען די אידישע איבערזעצונג פֿון דיזער סקיצע איז ערשיענען אין אַ נויאָרקער סאָציאַליסטישען זשורנאַל, האָט זי געמאַכט אַ טיעפֿען רושם אויף די אַמעריקאַנער אידישע ליטעראַטען. פֿערשיעדענע מיינונגען זיינען איבער איהר אַרויסגעזאָגט געוואָרען. נאָר איינער פֿון די קריטיקער האָט די „אַכטע אָבטהיילונג“ אָנגערופֿען אַ „שוואַרצער דיאַמאַנט“, און לויט ייין מיינונג האָט אַ סאָציאַליסטישער זשורנאַל ניט געדאַרפֿט אָבגעבען

קיין פלאַץ פאַר אַזעלכע פינסטערע, פעסימיסטישע געדאַנקען. און דאָך וואָלט דער דאָזיגער קריטיקער, וועלכער געהערט צו די „נייע", צו די „מאָדערנע רשעים", געמוזט צוגעבען, אַז ער האָט אפשר אַליין מעהר ווי איינמאָל דורכגעלעבט און דורכגעפיהלט די מורא'דיגע יסורים, וועלכע פרץ בעשרייבט אַזוי מייסטערהאַפט אין זיין „אַכטער אָבטהיילונג"...

צו דעם זעלבען סאָרט „שטימונגען" געהערען אויך די צוויי אַנדערע פעליטאָנען, „ביי די זשאַבעס אין דער לוזשע" און „אין „צייט-וואָגען", וועלכע זיינען אַרויסגענומען פון פרץ'ס קריטישע אַרטיקלען אין „השלוח". דער עיקר לאָזט „אין צייט-וואָגען" איבער אַ זעהר ביטערן איינדרוק, און עס ווילט זיך גאָרניט גלויבען, אַז דער דיכטער דיינקט טאַקי, אַז „אַלעס וועט נאָך אַמאָל פערשווינדען פון דער וועלט, נאָר די שנאה, די בלוט-פערגיסונג ניט". מען דאַרף אָבער ניט פערגעסען, אַז דאָס איז אויך ניט מעהר ווי אַ „שטימונג", געשריבען אין זעהר אַ ביטערן מאָמענט, באַלד נאָך דעם מורא'דיגען פאָגראָם אין קישינעוו, ווען דער מוח האָט זיך איינפאַך איבערגעקעהרט פון פערצווייפלונג און שמערץ...

גאַנץ אַנדערש זיינען פרץ'ס דריי עלטערע ערצעהלונגען, וועלכע געפינען זיך אין דעם דאָזיגען ביכעל. גענומען פון פערשיעדענע טהיילען פון זיינע „כתבים", זיינען זיי ווייט איינע פון דער אַנדערער אי אין זייער סטיל, אי אין זייער אינהאַלט. „דער געדאַנק און די האַרף" איז אַ וואונדער-שעהנע אַלעגאָריע — אַ וואונק אויף די צ ע נ ז ו ר, אין ברייטסטען זינן פון וואָרט, אויף די צוקריפלונג פון דעם מענשליכען ג ע ד אַ נ ק, וועלכער ווערט געבוירען אין מדבר, אין דער טיעפער איינזאַמקייט פון דער מענשליכער נשמה, און אויף די פאָזיציע פון דער אמת'ער ק ו נ ס ט, ווען זי קומט אין צוזאַמענשטויס מיט דער עפענטליכער מיינונג... אין זיין פסיכאָלאָגישען עטיוד, אין „אַ נאַכט פון שרעק" דרינגט פרץ אַריין אין די טיעפסטע קעמערלאַך פון דער נשמה און ווייזט אונז דעם דורכשניטליכען מענשען פון אונזער צייט, וועלכער איז אַ גלגול פון אַנדערע, „אַמאָל דער טאַטע און אַ מאָל די מאַמע" און אַליין איז ער גאָרנישט, „אַ פוסטע כלי"... און אין „צייט-געזאַנג" ריהרט דער דיכטער אָן די איידעלסטע סטרונעס פון אונזער האַרץ. ס'איז די הימנע פון דער מוזיק, דער אויסדרוק פון איהר אַלזייטיגקייט, פון איהר וואונדערבאַרער קראַפט.

איך האָב זיך ערלויבט צו שטעלען „צייט-געזאַנג" צום סוף פון דיזער זאַמלונג, כאָטש לויט דער צייט, וואָס די דאָזיגע סקיצע איז געשריבען געוואָרען, האָט איהר פלאַץ געדאַרפט זיין אַסך פריהער. נאָר דאַן וואָלט דער סדר איבערהויפט געמוזט זיין אַן אַנדערער. דעם אמת זאָגענדיג

אָבער האָב איך ניט געקענט אויסשטעלען די ערצעהלונגען נאָך דער צייט נאָך, וואָס זיי זיינען געשריבען געוואָרען, און אַזוי ווי זיי לאָזען על פּי רוב איבער אַ שמערצליכען רושם אויף דעם לעזער, איז געווען דאָס גלייכסטע צו ענדיגען מיט דיזער מוזיקאַלישער סקיצע, וועלכע איז דורכ־דרונגען מיט אַ זיסער, האָפֿנונגס־פֿולער שטימונג.

* * *

ווי בעקאַנט, האָט פּרץ דאָס רוב פֿון זיינע ווערק געשריבען איןביידע שפּראַכען: אין העברעאיש און אידיש. פֿאַרוואָס ער האָט דיזע העברעאישע ערצעהלונגען זיינע אַליין ניט איבערזעצט, ווי ער האָט עס געטהאָן מיט אַסך אַנדערע, האָב איך קיינמאָל ניט געקענט פֿערשטעהן. ס׳איז קיין ספק ניט ביי מיר, אַז דאָס אידישע לעזע־פּובליקום וואָלט דורך דעם פֿיעל געוואונען. אָבער ער אַליין האָט דאָס ניט געטהאָן, און איך גלויב, אַז איך האָב די איבערזעצונגען געמאַכט אַזוי געטריי און אַזוי אין דעם דיכטער׳ס גייסט ווי ס׳איז נור מעגליך געווען. על כל פּנים שעץ איך זיך גליקליך, וואָס איך קען מיט דיזער זאַמלונג צוגעבען נאָך עטליכע פּערלען צו פּרץ׳ס גלענצענדע שריפֿטען.

דער איבערזעצער.

לאָנדאָן, יולי, 1907.

SOCIALIST LIBRARY OF THE BUND No. .... Bridgeport, Conn.

די אכטע אבטהיילונג אין גיהנום.

SOCIALIST LIBRARY
OF THE
BUND
No. ....
Bridgeport, Conn.

... .

מיעד און פערמאַטערט ליעג איך אויף מיין געלעגער און וויל זיך דערמאָנען, ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט:

אויף אַן אסיפה בין איך געווען. איך האָב דאָרט אַ רעדע געהאַלטען.

פלאַם פייער האָב איך גערעדט! פיילען זיינען מיר פון מויל געפלויגען! מיט אַ בלויזען, שאַרפען שווערד האָב איך דעם עולם גע־סטראַשעט.

און איך רייד, און איך הער וואָס איך רייד; איך הער און האָב שטאַרק הנאה.

אַ קליינינגקייט! עפּעס בין איך דאָך אַ גבור. איך האַלט דאָך מלחמה פאַר אַלץ, וואָס איז שעהן און גוט. איך בין דער בעשיצער פון דער פרייהייט און פון אַלע גוטע, זיסע און שעהנע זאַכען, וואָס ערוואַרטען אונז אין דער ווייטער צוקונפט, וועלכע קומט אַלץ נעהענטער און נעהענטער צו אונז.

איך רייס דאָך אַרונטער די מאַסקע פון'ם שקר און שטעל איהם אַרויס אויף'ן שאַנד־קלאָץ; איך צופליק דאָך די שעהנע העמדלאַך, וואָס בעדעקען זיין קערפער, און אָט האָט איהר איהם נאַקעט און הויל, רחמנא ליצלן — פול מיט קרעץ און מיט וואונדען...

מיט אַמאָל ווער איך אַנשוויגען.

דער געוואַלדיגער כח אין מיר איז אָבגעשוואַכט, דאָס פייער אויס־געלאָשען, און די צונג אין מיין מויל איז אַ שטיק בליי געוואָרען.

וואָס איז מיר אַזוינס געשעהן?

בשעת'ן רײדען האָב איך ניט װילענדיג די אויגען אויפגעהויבען. אַנטקעגען מיר איז אַ שפּיעגעל געהאַנגען.

און אַז איך האָב זיך אין שפּיעגעל אײנגעקוקט, האָב איך בײ מיר אין די אויגען אַ שלעכטען גלאַנץ דערזעהן; אַרום מײנע ברעמען האָט אַ מאָדנע פײערל געברענט, אַן אומרײן פײערל! דאָס זײנען גאָר ניט מײנע אויגען!

אַמאָל האָב איך אַזעלכע אויגען געזעהן.

װען?

ערשט איצט דערמאָן איך זיך.

אין דער קאַזאַרמע האָט מען אַ זעלנער געשמיסען. זײנע ברידער, די סאָלדאַטען, װעלכע האָבען איהם די שמיץ געגעבען, האָבען אַזעלכע אויגען געהאַט. אָט די אויגען האָבען געזאָגט: הײנט שמײסען מיר דיך, מאָרגען װעסט דו אונז שמײסען — נאַ זשע דיר שוין פאַר מאָרגען אויך!

יאָ! אין שפּיעגעל האָב איך דערזעהן, אַז איך קוק ניט אויס װי אַ גבור פון דער צוקונפט, נאָר װי אַ פּשוט'ער גזלן, װאָס װיל דעם צװײטען דעם קאָפּ צושפּאַלטען...

בין איך אַנשװיגען געװאָרען.

און די פערזאַמעלטע?

זײ האָבען פרײ אויפגעאָטהעמט; ס'איז זײ אַראָב אַ שטײן פון האַרצען!

אַזױ װי די בהמות אין פעלד נאָך אַ שרעקליכען האָגעל האָבען זײ זיך געפיהלט! אַזױ װי קינדער װאָס זיצען אין דער פינסטער, בשעת מען ברײנגט זײ אַ ליכט אַרײן! אַזױ װי הינקעדיגע װאָס שטעהען אָנגעשפּאַרט אָן װאַנד, זיך ניט קענענדיג ריהרען פון אָרט, װען מען גיט זײ פלוצלינג אָב זײערע קוליעס און זײערע שטעקענס און זײ קענען זיך געהן װאו זײ װילען!

אַ יונגער מאַן געהט צו צו אַ פרײליין, נעהמט זי אָן בײם אָרם און פרעגט: „ערלויבט יעצט? ערלויבט?" שאָקעלט זי מיט איהר שעהנעם קאָפּ און ענטפערט מיט אַ זיסען שמײכעל: „יאָ, יאָ, ערלויבט!" —

און איך בין אַנטלאָפען פון דער אסיפה!

מיעד און צובראָכען ליעג איך אויף מײן געלעגער. די לבנה געהט זיך איהר גאַנג און כאַפּט אַ קוק אויף מיר דורך'ן פענסטער.

עפּעס זאָגט מען, אַז דער שיין פֿון דער לבנה איז אַ סגולה צו די אינערליכע געדאַנקען פֿון דעם מענשען, צו דעם חשבון פֿון דער זעעלע; אָבער איך לאַך מיך אוים פֿון איהר שיין און פֿון אַלע זעעלען־רעכנונגען און פֿון אַלע אסיפות אין דער וועלט אפילו!

און אַזוי ווי איך בין ניט אויף קיין אסיפה, און דער לבנה אין פנים אַריין קען איך ניט אָנשפּייען, קוק איך גאָר אויף דער סטעליע!

אָבער וואָס איז דאָס?

צוויי אויגען סטאַרטשען צו מיר אַרוים פֿון דער וואַנד.

די צויבערנדע לבנה! דאָס מאַכט זי מיט מיר אַביסעל שפּאַס. —

אָבער וועמעס אויגען זיינען דאָס?

זיינען דאָס די אויגען פֿון די זעלנער, וואָס שמייסען זייער ברודער, אָדער די אויגען פֿון איינע פֿון יענע, וועלכע פּלעגען מיר שטענדיג, בשעת איך פּלעג אַריבערגעהן פֿון איין נאַרישקייט צו דער אַנדערער, מקבל פנים זיין אויף'ן וועג, מיט די ווערטער: „רוה זיך אָב אַ ווײלע, דו גבור דו! אפשר ווילסט דו אַביסעלע האָניג, אַ קאַפּעלע איינגעמאַכטס? נאַ, רוה זיך אָב אַ ווײלע!"

און די אויגען קוקען אַרוים צו מיר ניט מיט כעס און ניט מיט קיין בעזונדערן חן. אַרום זיי בעוועגט זיך אַ ווייסער, בלייכער פנים, און אָט בעוויזט זיך אויך אַ באָרד און ווייסע פאות ווי שנעע, אַ אידישע היטעל פֿון פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט. אָט קומט ענדליך אַרוים אַ מאַנסבילשער קאָפּ, אַ אידישער קאָפּ, אַן אמת'ער, כשר'ער איד. —

— ווער זייט איהר, רב איד?

הערט ער ניט.

— ווער זייט איהר, אַלטער?

בעוועגט זיך דער שאָטען און ענטפערט:

— איך? איך בין דער „שבט מוסר"!

געפּעלט מיר דער וויץ. איך ווייס דאָך, אַז דאָס מאַכט די לבנה מיט מיר אַ שפּאַס, מאַך איך זיך ווי איך גלויב אין דער שוואַרצער קונסט און זאָג:

— שלום עליכם אייך, „שבט מוסר"!

ענטפערט ער מיר: „עליכם שלום", ווי דער שטייגער איז ,און געהט צו נעהענטער צו מיר — —

אַ קלײנינקער איז דער „שבט מוסר", אָבער דאָך אַ גלייכער. זיינע מאַניערען, זיינע מיענעס פּראָסט־פשוט'ע. אין די אויגען ביי איהם איז קיין שום ליכט ניטאָ. — נאָר קוקען קוקען זיי גלייך און זיכער, אַזוי ווי

זיי וואָלטען קיין שום ספק ניט געהאַט אין דעם וואָס זיי זעהען. אויך זיין קול איז קלאָהר און פּראָסט, אָהן אַ שום פאַרב, אָהן אַ ציטער. וואָרט פאַר וואָרט שיט זיך איהם פון מויל, און אַזוי זיכער, אַזוי תקיף איז ער ביי זיך!

ווייסען ווייס איך, אַז דער „שבט מוסר" איז שוין לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ. קען דאָך אפשר געמאָלט זיין, אַז דאָס איז גאָר קיין בלענדעניש נים, נאָר אַז דער „שבט מוסר", זכרונו לברכה, האָט זיך פאַר מיר מתגלה געווען און פון קבר מיר אַ בעזוך אָבגעשטאַט — געהט מיר טאַקי אַריבער אַ שוידער איבער'ן לייב, נאָר איך מאַך זיך האַרץ און פרעג:

— איהר זייט דאָך דער וואָס האָט דעם גיהנום בעשרייבען?

— יאָ! — ענטפערט ער בתכלית הפשיטות.

— און איהר האָט איהם טאַקי גוט בעשריבען? גאָרניט מוסיף געווען און גאָרניט אַראָבגענומען? איהר מוזט דאָך עס איצט וויסען, מחמת איהר האָט דאָך דעם גיהנום יעצט מיט אייערע אייגענע אויגען געזעהן!

— איך האָב איהם אויך ביים לעבען געזעהן —

— ביים לעבען?

— יאָ, פיעל מאָל האָב איך איהם געזעהן — אין חלום! —

— און דער גיהנום איז טאַקי ווי איהר האָט איהם אויסגעמאָהלט, וואָרט ביי וואָרט.

— ניין, פריינד לעבען, — האָט ער מיט אַ שמייכעל געענטפערט — אַן אַכטע אָבטהיילונג איז איצט צוגעקומען!

— נאָך וואָס? פאַר וועמען?

— דאָס וועל איך דיר דערצעהלען.

———

— די אַכטע אָבטהיילונג, — דערצעהלט דער „שבט מוסר" — איז פאַר דיר און פאַר דיין גלייכען צוגעקומען; פאַר אַלע נייע, פאַר אַלע „מאָדערנע" רשעים.

— מיט וואָס זשע זיינען מיר דאָס אַזוינס נייע?

— אָט הער: אַמאָל איז צווישען דעם גוף און דער נשמה אַ שטענדיגע מלחמה אָנגעגאַנגען. די נשמה, אַ חלק אלוה ממעל, אַ טהייל פון זיין ליעבען נאָמען, האָט זיך אַלץ צום הימעל געריסען, אַרויף, אַרויף, אין דער הויך האָט זי אַלץ געוואָלט; און דער גוף, דער שמוציגער גוף, די „טפּה סרוחה", האָט זיך אַלץ געצויגען אַראָב, אַראָב, זינקען האָט

זיך איהם געוואָלט, זינקען אין שמוץ און אין מיאוס'קייט... האָט די נשמה מנצח געווען, איז געווען מה טוב, און טאָמער האָט דער גוף געזיעגט? נו, האָט דער גוף זיין פסק געקריגען. ער האָט דאָך געזינדיגט!

מיט וואָס זשע שטראָפט מען דעם גוף? מיט הייסע, ברענענדיגע סמאָלע, מיט פייער, מיט וואַסער, מיט שלאַנגען, מיט ענדישען און מיט אַלערליי קאַטאָרזשנע אַרבייט אין דער מדבר, אין וואַלד, אין די חורבות פון די הייזער, וכדומה נאָך אַזעלכע פלעצער...

דערצו האָט מען די „שבעה מדורי גיהנום" בעשאַפען, זיבען אָב־טהיילונגען, און יעדער רשע פלעגט אין יענער אָבטהיילונג אָבגעשיקט ווערן, וואו ער בעלאַנגט.

היינט אָבער זיינען אַנדערע צייטען געוואָרען.

די נשמות מאַכען אַ בונט... די נשמות רעוואָלטירען! די נשמות האַלטען מלחמה מיט די מלאכים אין הימעל, מיט יעדער גוטער מדה, מיט אַלץ וואָס איז בעשאַפען געוואָרען — אַלעס, אַלעס ווילען זיי ענדערן, אַלעס ווילען זיי איבערמאַכען און מיט׳ן קאָפּ אַראָב איבערקעהרען!

ניט די קערפּער זינדיגען איצט, נאָר די נשמות! דעם קץ ווילט איהר ברייגגען, דעם סוף ווילט איהר זעהן — איהר האָט גאָר קיין צייט ניט; די אויגען קריכען אייך אַרויס פאַר אונגעדולד. פונקט ווי די גאַנצע וועלט וואָלט אייערע געווען; אָקוראַט ווי אַלע מענשען וואָלטען אייערע קנעכט געווען און וואָלטען מחויב געווען אייך צו פאָלגען —

פאַר אַזעלכע זינדיגע נשמות איז אין די „שבעה מדורי גיהנום" קיין אָרט ניטאָ!

— אין דער אַכטער אָבטהיילונג איז אַפנים קיין ברענענדע סמאָלע ניטאָ, וואָס?

— ניין.

— און קיין פייער און וואַסער?

— אויך ניט.

— און שמייסען שמייסט מען אפשר אויך ניט?

— ניטאָ קיין זכר פון קיין קאַנטשיק!

— און עסען און טרינקען און שלאָפען קען מען דאָרט?

— אפילו לעזען און שרייבען ספרים אויך!

— מיט וואָס זשע שטראָפט מען?

— אָט וועסט דו באַלד הערען.

זעהסט דו? דאָרט אין מערב זייט געהט אויף אַ שווערער וואָלקען.

צו דער לבנה לאָזט ער זיך געהן. און אַז די לבנה וועט פון דעם וואָלקען בעדעקט ווערן, דאַן מוז איך צוריק אין מיין רוה געהן!... נאָר דער שווערער וואָלקען געהט זעהר לאַנגזאַם, וועל איך קיין צייט ניט פערלירען און דיר כאָטש אַ טויזענד חלק פון דעם אַלעמען דערצעהלען.

הער זיך צו:

מען נעהמט, למשל, אַ מענשען וואָס האָט קיין צייט ניט, ווי דו, און מען שטעלט איהם אַוועק אַ נאַקעטען פאַר אַ באַרג מיט שנעע; שטעהט ער. ער שטעהט און תיכף ומיד קומט איהם אַ רעיון אין קאָפּ: וואָלט ניט אַ סברא געווען דעם שנעע צו צולאָזען און דערפון וואַסער מאַכען? און אַז דער רעיון קומט איהם אין קאָפּ, ווערט עס גלייך אַ תאוה. דער מענש וויל שוין דעם שנעע צו וואַסער מאַכען. און אַז ער וויל איז דאָך אַ קימא לן, אַז ער מוז. און אַז ער מוז — וועט ער עס שוין טהאָן. דערפאַר איז ער דאָך איינער פון די בעריהמטע גבורים!

וואַרימט ער מיט זיין לייב דעם שנעע.

ער נעהמט איהם אַרום, בעהעפט זיך אין איהם, גיט זיין גאַנצען אָטהעם אַריין אין איהם און שפאַרט זיך אין איהם אַריין מיט זיין לייב און מיט זיין לעבען. —

טאָמער וועט דער שנעע פאָרט צוגעהן — נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָהר —

די גאַנצע היץ פון זיין קערפער גיט ער אַרויס, זיין גאַנצע זעעלע, זיין לעבען אין גאַנצען גיט ער אַוועק דעם שנעע, דעם באַרג פון שנעע — —

— מן הסתם שטעהען שדים און שר'יכעס מיט ריטער אין די הענד און צווינגען איהם דערצו?

— ס'הויבט זיך גאָרניט אָן! איך האָב דאָך דיר געזאָגט — אין דער אַכטער אָבטהיילונג זיינען קיין ריטער ניטאָ! דעם מענשען'ס ווילען, זיין אינסטינקט איז דער בעסטער קאַנטשיק!

און ער האָט שוין דעם שנעע ליעב ווי זיין לעבען... דער שנעע — דאָס איז זיין נחת, דאָס איז זיין גאַנצע האָפנונג, דאָס איז זיין ציעל. ווייסען ווייס ער, אַז דער שנעע, אַזוי ווי ער איז, איז אונגליקליך, און אַז גליקליך קען ער נור זיין דאַן, ווען ער וועט צוגעהן, ווען פון איהם וועט ווערן וואַסער... מחמת דאָס וואַסער איז גליק, דאָס וואַסער איז פרייד; אַלעס וואָס פליסט, וואָס צוגעהט — — —

יאָ, יאָ!

— און וואָס נאָך?

— אָט וועסט דו הערען.

מען נעהמט אַן אַנדערן און מען שטעלט איהם אַוועק איינעם אַליין אין אַ פעלד, פול מיט ליים און מיט בלאָטע.

אויבען, איבער זיין קאָפּ — אַ וואונדערבאַרער שעהנער הימעל. קיין גרינג וואָלקענדעל זעהט זיך אויף איהם ניט. דערפאַר אָבער איז ער טאַקי גלאַט, ליידיג. קיין זונן, קיין לבנה, קיין שטערן; און קיין מילך-גאַס אויך ניט.

וואָרים דעם אמת זאָגענדיג, איז דאָך דאָס גאָר קיין הימעל ניט, נאָר אַזאַ מין ליילאַך, בעצויגען איבערן הימעל.

זיינע פיס בראָדזשען אין ליים און אין בלאָטע; און ער איז דער איינציגער לעבעדיגער מענש אין אָט דעם מדבר, אין דער דאָזיגער וויסטעניש! ער איז דער איינציגער, וואָס לעבט און פיהלט און פערטראַכט זיך און דיינקט!

מיט אַמאָל ווערט איהם זעהר אומעטיג צו זיין אַליין, איין איינציגע לעבעדיגע בריאה, און ער וויל מחיה מתים זיין, אַריינבלאָזען לעבען, אַ נשמה אין אַלעס וואָס געפינט זיך אַרום איהם!

דאָרט, ביי זיין ערשטען לעבען, האָט ער פאַר צעהנער טויזענדער געליטען, פאַר צעהנדליגע טויזענדע געווירקט, פאַר צעהנער טויזענדער געדיינקט! זיין נשמה איז דאָך די נשמה פון מיליאָנען געוועזן! און ער פיהלט, אַז ער וואָלט ווי דער רבונו של עולם, כביכול, זיך מיט דער וועלט-שעפּפונג געקענט מתעסק זיין! און וואָס הקדוש ברוך הוא האָט געטהאָן, טהוט ער אויך! שטויב נעהמט ער פון דער ערד און ליים און בלאָטע, און קנעט עס און קנעט, און מאַכט — נאָר וואָס וויל ער דאָס מאַכען? פויגעלאַך מאַכט ער, פויגעלאַך מיט פליגעל! דער מענש, אָהן פליגלען, איז ביי איהם אין די אויגען אַ גאָרנישט... דערנאָך מאַכט ער אָדלערס!

אַזוי מאַכט ער פויגלען, צוערשט קליינע — אָבער מיט פליגלען מאַכט ער זיי. תחילת ווערן די קערפּערס זייערע בעשאַפען. דערנאָך בלאָזט ער אין זיי אַריין זיין אייגענע נשמה; ווערן זיי לעבעדיג, די פויגעלאַך, און ער פרעהט זיך, און טאַנצט אונטער, און רופט צו זיי: „פליהט, פליהט, פויגעלאַך מיינע, אין דער הויך פליהט!" — —

נאָר די פויגעלאַך פליהען ניט. אויף דער ערד קריכען זיי אַרום

אין ליים, און זובען א ווערעמיל די הערצלאַך אונטערצושפּאַרען... אָבער קיין ווערים זיינען ניטאָ, שטאַרבען זיי פּאַר הונגער...

און אַז עס הויבען זיך שוין יאָ אויף אַ פּאָר פֿויגלען און פֿליהען אַביסעל אין דער לופֿטען, איז דאָס אַ זכר מיט אַ נקבה, שפּיעלען זיי זיך און זיי לאַכען —

„ער שרייט: „צום הימעל! צום הימעל!"

און זיי לאַכען — —

כאַפּט ער שטיקער ליים און וואַרפֿט אויף זיי און דער'הרג'עט זיי, און מאַכט זיך אַנדערע פֿויגעלאַך —

און דאָס פֿעלד ווערט פֿול מיט פּגרים, מיט טויטע פֿויגלען... אַרום און אַרום איהם פּגרים, נור פּגרים — — —

— אונגליקליכער!

מען נעהמט אויך אַ זינדיגען מענשען און מען וואַרפֿט איהם אַריין אין אַ גרוב פֿון הינט.

— און זיי פֿרעסען איהם אַ לעבעדיגען אויף?

— חס ושלום! הונגעריג זיינען זיי, די כלבים, נאָר איהם עסען זיי ניט — ער רעדט צו זיי, צו די הונגעריגע הינט! אַ הונדען-פּראָפֿעט איז ער!

צווערשט רעדט ער צו זיי אין אַ הינטישער שפּראַך, און אַז זיי הויבען איהם אָן צו פֿערשטעהן—וואַרפֿט ער זיי אַריין עטליכע מענשליכע ווערטער!

און אַזוי שטעהט ער און רעדט און נעהמט פֿון זיי קיין אויג ניט אַראָב.

די ענטוויקלונג געהט זיך איהר וועג; די סאָרטען פֿערענדערן זיך— פֿון הינט מאַכט ער מענשען!

אָט האָט זיך שוין איין כלב געשטעלט אויף צוויי פֿיס, און מיט די אַנדערע צוויי פֿיס טאַפּט ער אַרום זיך. אַ צווייטער בילט נאָך, אָבער אין זיין הינטישען קול הערען זיך שוין עפּעס גאַנצע אויסדריקע, גלאַטע אויסדריקע!

און ער רעדט אַלץ; און מיט זיינע רייד און מיט זיינע אויגען גיסט ער אויס אַ וואונדערבאַרען צויבער אויף די כלבים. אָט שטעהען זיי שוין אַלע גלייך, ווי מענשען... אָט הויבט שוין איינער פֿון זיי אויף אַ פֿוס, ווי אַ האַנד, און ווייזט אויף'ן הימעל!

און אין די אויגען פון יענעם הונד האָט עפּעס אַ בלישטש געטהאָן, — אַ שאָטען פון ווילען, פון זעלבסט-בעוואוסטזיין האָט זיך אין זיי בעוויזען!

נאָך אַ ווײלע און די אויגען פון אַלע הינט וועלען אויפשיינען. זיי וועלען דאַן אַלע וועלען! אין דעם הונגער זייערן האָבען זיי דאָך פערגעסען; זיי האָבען דאָך פערגעסען, אַז זיי זיינען הונגעריגע הינט; נאָך אַ ווײלע און עס וועט זיך אין זיי דערוועקען דער רעיון, דער גרויסער, דער וואונדערבאַרער געדאַנק — —

— און אַז ער וועט זיך דערוועקען? וואָס וועט דאַן זיין?

— ער וועט זיך קיינמאָל ניט דערוועקען! אין יענער רגע קומט אָן עפּעס אַ מלאך חבלה פון אַ זייט און וואַרפט אַריין אַ ביין אין גרוב, ווערן די הונגעריגע הינט צוריק ווי פריהער — הונגעריגע הינט... און אַז דער ביין ווערט אין גאַנצען אויסגענאָגט, פאַנגט דער נביא פון דאָס ניי אָן... אַזוי וועט דאָס שוין זיין אייביג, אייביג!

— שרעקליך!

— יאָ, שרעקליך.

און איינעם פון די רשעים האָב איך לעבען אַ הויכען באַרג געזעהן. אויף'ן שפּיץ באַרג שיינט אַ וואונדערבאַרעס ליכט. דער רשע שטעהט אונטען און דאָס ליכט ציהט איהם אַרויף, אַרויף, צו דעם צוזבערשיין...

אַז ער זאָל אויף'ן שפּיץ באַרג אַרויפגעהן, וועט ער אין אַ ים פון ליכט שווימען, צווישען די שטערן וועט ער זיך געפינען, אַ הימעלס-קינד וועט ער דאַן זיין — —

און ער גאַרט אַזוי נאָך ליכט, זיין נשמה געהט איהם אויס נאָך'ן ליכט, אויף'ן שפּיץ באַרג ציהט עס איהם, דאָרט וואו עס גיסען זיך אויס אַזויפיעל צויבער-שטראַהלען — —

— און ער קען, משמעות, ניט אַרויפגעהן?

— אַ פרוי ליגט לעבען איהם.

און יעדעס מאָל, ווען ער הויבט אויף אַ פוס אַ טרעט צו טהאָן אויף'ן באַרג, עפענט זי די אויגען! אויך אין איהרע אויגען איז אַ צויבער-שיין דאָ, אויך אין איהרע אויגען איז אַ הימעל דאָ, און זונען און שטערן און אַלערליי זיסע שטראַהלען — —

געהט ער צוריק אַראָב; מאַכט זי אָבער די אויגען ווידער צו!

— וואונדערבאַר!

— אַזוי שטעהט ער אַ צובראָכענער, אַ צוטראָגענער, צווישען דעם הימעל פֿון אויבען און דעם הימעל פֿון אונטען, צווישען דאָס בעהאַלטענע ליכט פֿון אויבען און דאָס בעהאַלטענע ליכט פֿון אונטען...

— אָבער איהר מוזט מיט מיר שפּאַס מאַכען, „שבט מוסר"! — פֿאַר וואָס נעהמט ער ניט די פֿרוי מיט זיך און געהט אַרויף?

— די פֿרוי איז זעהר שווער! דערצו וויל זי ניט...

— און די אָדלערס אין די חזיר'שע פֿעלען?

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— אַ קלייניגקייט!

אייערע נביאים, אייערע פּראָפֿעטען ווערען אין אָדלערס מגולגל, אין גרויסע אָדלערס מיט ברייטע פֿליגלען, נאָר די הויט אויף זיי איז אַ חזיר'שע.

און די נביאים אייערע הויבען זיך אין דער לופֿטען; הויך, גאַנץ הויך פֿליהען זיי. דעם הימעל ווילען זיי איינגעהמען, דעם כסא הכבוד אַריינכאַפּען, זיין פּלאַץ, כביכול, פֿערנעהמען! אָבער זיך אויפֿהויבענדיג אין דער הויך, שפּאַלט זיך די חזיר'שע הויט ביי זיי. און אַז עס מאַכען זיך זיי וואונדען און ס'הויבט אָן שטאַרק וועה צו טהאָן, פֿאַלען די אָדלערס אַראָב אויף דער ערד, אין די בלאָטיגע וואַסערן, וואו זיי ווייקען די הויט זייערע, די חזיר'שע הויט...

און אַזוי פֿליהען זיי אַרויף און אַראָב, אַרויף און אַראָב —

נאָר מיט אַמאָל איז די לבנה פֿערשוואונדען און דער „שבט מוסר" מיט איהר.

אַז איך בין אויפֿגעשטאַנען און האָב אַ ליכט אָנגעצונדען, האָב איך אויף'ן טיש אַ פּאָסט-קאַרטעל געפֿונען:

— איהר זייט געבעטען צו קומען מאָרגען אויף דער אסיפה — — איך האָב עס פֿערברענט.

דער גערדאנק און די הארף.

(אַן אַראַבישע לעגענדע).

1.

דער געדאנק.

איינזאַם, אָבגעזונדערט בין איך דאַן געווען אין מדבר.

ניט מחמת איך האָב די מענשען פֿיינט געהאַט, אויך ניט ווייל מיר איז דאָס לעבען נמאס געוואָרען, נאָר פשוט ווייל איך האָב געוואָלט קענען דעם מדבר, זיך טהיילען מיט זיינע ליידען.

אַז אַ שיירא פֿון רייטער אָדער פֿוס־געהער פֿלעגט פֿאַר מיר פֿערביי־געהן, האָב איך אָבגעטראָטען אָן אַ זייט; איך האָב זיך מיט זיי ניט געוואָלט צונויפֿטרעפֿען. אויך קיין ביכער האָב איך ביי מיר ניט געהאַט. אַ בלאָנ־דזשענדער פֿויגעל איז מיין חבר געווען, מיט אַ פֿערוויאַנעטען וואָרצעל האָב איך מיין צייט פֿערבראַכט, און געלייענט האָב איך אָפֿט דעם הימעל׳ס בוך.

און דעם מדבר האָב איך אַלץ ניט געהערט.

— אַז די אויערן זיינען פֿערטויבט פֿון דעם רעש פֿון לעבען, איז דער מדבר ווי אַ בית עולם...

נאָר ביסלעכוויז האָב איך מיך צו איהם צוגעוואוינט. איצט פֿערשטעה איך איהם שוין; אַצונד הער איך זיינע פֿולע און טיעפֿע זיפֿצען, און דאָס האַרץ ווערט אין מיר צובראָכען.

און דעמאָלט, בשעת דער מדבר האָט פֿאַר מיר אויסגעגאָסען זיין האַרץ, האָט עס פּאַסירט.

אויף וועמען האָט זיך דאָס דער הימעל אַזוי אָנגע׳ברוגז׳ט? אויף וועמען האָט עס גאָט געוואָלט זיין צאָרן אויסגיסען?

ווער ווייס?

פון אונטער זיין כסא הכבוד האָט אויסגעבראָכען אַ שטורם; דעם הימעל האָט ער געשפּאָלטען און אַראָב איז ער אויף דער ערד.

וואוהין לאָזט ער זיך דאָס?

צי וועט ער דאָס קליינע בוימעלע איינוואַרפען, אָדער דעם פייגענבוים, וואָס וויקעלט פאַנאַנדער זינע פירות פאַר'ן הונגעריגען?

וועט די הויכע סאָסנע, וואָס שפּרייט אויס איהר שאָטען אויף דעם מיעדען, זיין אָפּפער זיין? וועט ער דאָס קינד אין וויגעלע טרעפען, בשעת די עלטערן געהען אין פעלד צו דער אַרבייט אַרויס? אָדער אפשר וועט ער גאָר דעם ליגנער דאָס מויל פערשטאָפּען?

דאָס אַלעס איז פערשריבען מיט אַללאַה'ס האַנד אין דעם בוך, וואָס נור מחמד זיין נביא לייענט איהם.

נאָר דעמאָלט, בשעת דער הימעל האָט זיך געשפּאָלטען, איז אַראָב־געפאַלען אַ קליין טראָפּענדעל פון דעם בעהאַלטענעם ליכט — און איך האָב אַ טאָכטער געהאַט!

שעהן איז מיין טאָכטער געוועזען ווי דער מאָרגענשטערן און מורא'דיג ווי דעם נביא'ס שווערד. אַ געטליכער שטאָלץ איז געלעגען אויף איהר ליכטיגען שטערן, און טיעף פון איהרע בלישטשענדע אויגען האָט די צו־קונפט אַרויסגעקוקט. נאָר אין איהר קאָכענדען האַרצען איז געזעסען אַן אונשולדיגע טויב — די ליעבע צו די מענשען.

און איהר האַרץ איז אַ פיעדעל געוועזען, אַ זיסע האַרפע פאַר יעדע פערוועלקטע בלום, פאַר יעדען פערבלאָנדזשעטען פויגעל, פאַר יעדען פערשטויסענעם שטערן, און פאַר דער גאַנצער וועלט, — וואָס שמאַכט אונטערן יאָך פון די אומשטענדען.

נאָר — אַז זי איז אין די יאָהרען געקומען — האָט זי געוואָלט פער־לאָזען דעם מדבר.

— צו די מענשען — מאַכט זי — וויל איך געהן, זיי מוסר זאָגען!

און איך קען זיך דאָך פון דער ווייסטע ניט אָברייסען; איך האָב נאָך וואָס צו ריידען מיט דעם פערוויאַנעטען וואָרצעל; ס'איז דאָך אַ רחמנות אויף'ן פויגעלע, וואָס וועט אָהן מיר נעבעך בלאָנדזשען אין מדבר, און פון שוואַכקייט מן הסתם פאַלען און בעגראָבען ווערן אין זאַמד; און דעם הימעל'ס בוך האָב איך דאָך נאָך אויך ניט אין גאַנצען דורכגעלייענט...

זאָגט זי אָבער, אַז דער מענש איז אויך ניט קיין בוים פון פעלד, נאָר א וואָרצעל, וואָס וואַקסט אין מדבר...

אויף דעם מענשען'ס זעעל איז אַן איינזאַם צאַרט פויגעלע, וואָס בלאָנדזשעט אין דער וויסטע; און אַז עס ווערט שוואַך, פאַלט עס אין אונמאַכט און ווערט בעגראָבען אין זאַמד פון'ם מיעדען ביטערן לעבען...

און די שטערען אין הימעל ציינען בלויז אַללאַה'ס קלוגשאַפט; זיין מאָראַל אָבער איז אויסגעקריצט אויף דעם מענשען'ס האַרץ...

זיינען מיר אַרויס פון מדבר.

ס'איז פאַרנאַכט.

די זונן איז נאָך ניט אונטערגעגאַנגען, און אַנטקעגען אונז געהט אויף לאַנגזאַם און רוהיג — ווי מיר האָט זיך אויסגעדוכט — אַ גרויסע בלייכע לבנה.

— הערסט ווי זי זיפצט? — פרעגט מיין טאָכטער און טייטעלט מיט איהר קריסטאָל-פינגער אויף דעם זילבערנעם שיין.

איך האָב צוגעלייגט אַן אויער און האָב אויך געהערט דאָס זיפצען פון דער לבנה...

— אָרים בין איך, אָרים און קליין...

דאַן האָב איך זיך דערמאָנט אָן עפּעס און האָב איהר דערצעהלט וואָס די אידען זאָגען, אַז אַללאַה וועט ממלא זיין דעם חסרון פון דער לבנה, און איהר ליכט וועט זיין ווי דאָס ליכט פון דער זונן.

— און דער שיין פון דער זונן? — פרעגט זי.

— וועט זיין זיבען מאָל אַזוי גרויס! — האָב איך געענטפערט.

— אויב אַזוי, — האָט זי אָבגעזיפצט אין דער שטיל — וועט נור ליכטיגער ווערן, אָבער דער פעהלער, די עולה וועט בלייבען די זעלבע!

און מיר געהען ווייטער. אָט זיינען מיר שוין ניט ווייט פון אַ פרעה־ליבער שטאָדט.

איהרע שאָטענס פאַלען אויף די ברעגען פון הימעל און מישען זיך אוים מיט די שטראַהלען פון דער זונן, וועלכע לאָזט זיך אַראָב אין מערב זייט.

הויכע טורעמס, פעסטונגען און תפיסות, מאָשעען און פאַלאַצען פון רייכע לייט טאַנצען אַרום פאַר אונז אין דער לופטען און מישען זיך אוים מיט די שאָטענס אויף'ן הימעל...

— עס פֿעהלען נאָך די קליינע, ליימענע הייזלאַך, די געצעלטען פֿון די אָרעמע, — האָט זי געזאָגט מיט אַ זיפֿץ און זיך געלאָזט געהן ווייטער.

מיט אַמאָל — איך גיב אַ קוק אויף מיין טאָכטער און בלייב אַ פֿער־ציטערטער.

אַ פֿולע, הויכע ברוסט און שעהנע גרויסע לאָקען; איהר לייב ווייס ווי שנעע. איהרע באַקען — אַ פּאָר רויטע קרעלען; אויף איהר צאַרטען קערפּער שוועבט דער הויך פֿון דער יוגענד, און זי איז נאַקעט און הויל.

און אין גאַנצען מדבר איז אפילו קיין בלאַט ניטאָ איהר צו מאַכען אַ צודעק; זאָל איך איהר אפשר אויסשפּינען אַ דינעם מאַנטעל, אַ שלייער פֿון די שטראַהלען פֿון דער לבנה?

דער עולם וועט איהר דערזעהן און זיך מאַכען לוסטיג איבער איהר; די בעאַמטע קענען איהר נאָך אַוועקשלעפּען צום כאַליף...

דאָרט וועט מען זי פֿערשפּאַרען, און איך וועל זיך מוזען אומקעהרען אַליין אין דער וויסטע...

די אויגען וועלען מיר אַרויסקריכען וואַרטענדיג אויף איהר, איידער דער כאַליף וועט זיך אָנזעטיגען מיט איהר און וועט איהר איבערגעבען צו זיינע עלצטע; איידער זי וועט זינקען צו דער נידעריגסטער שטופּע... מחמת נור דאַן וועט איהר דער גוטער מחמד געבען פֿליגלען צוריקצו־קומען אין דער געשטאַלט פֿון אַ בלאָנדזשענדען פֿויגעל צו מיר אין מדבר!

נאָר מיט אַמאָל האָבען איהרע אויגען אַ שטראַהל געטהאָן, און אַלע מיינע זאָרגען זיינען פֿערשוואונדען.

— אויך דער ווילדסטער לייב — האָב איך זיך געטרייסט — וועט מוזען אָבטרעטען און זיך פֿערבויגען פֿאַר איהר גרויסקייט, פֿאַר איהר שטאָלץ!

און איך האָב גאָרניט געוואוסט, אַז אין לאַנד האָט דערווייל אויס־געבראָכען אַ מלחמה, און אַז די גלויביגע זיינען בעזיעגט געוואָרען פֿון די כופרים און זיי האָבען גענומען נאָכטהאָן זייערע מעשים.

ביים טויער פֿון שטאָדט זיינען געשטאַנען בעוואָפֿענטע סאָלדאַטען.

— ווער ביסט דו? — האָט מיך דער עלצטער געפֿרעגט מיט שטאָלץ. זינט ער איז אַנטלאָפֿען פֿון שלאַכטפֿעלד, איז גאָר קיינער ניט גלייך צו איהם...

האָב איך איהם געזאָגט, צוגעבענדיג צו מיין נידעריגען קול דעם קלאַנג פֿון דעם „באַקשיש", כדי עס זאָל דורכדרינגען דורך זיינע פֿער־שטאָפּטע אויערן.

— און זי?

— מיין טאָכטער! — האָב איך געענטפערט אויף'ן קול.

נאָר אין זיינע אויגען האָט זיך בעוויזען אַ צווייפעל און ער האָט ווייטער געפרעגט:

— ווען און וואו איז זי געבוירען געוואָרען? ווער איז איהר מוטער?

— איהר מוטער — האָב איך געענטפערט — איז די השגחה; זי איז געבוירען געוואָרען אין מדבר, בשעת דער הימעל האָט זיך געשפּאָלטען... פון דעם בעהאַלטענעם ליכט... פון גלאַנץ פון'ם נביא'ס אויגען...

— נו, אַודאי! כ'האָב דאָך דאָס פריהער געוואוסט! — האָט ער זיך צולאַכט — נאָר נאַקעטערהייט קען זי דאָך ניט אַריינקומען אין שטאָדט.

און ער האָט אַ וואונק געטהאָן צו זיינע משרתים, האָבען זיי אויף איהר אַרויפגעוואָרפען אַ שוואַרצען שלייער. דעם גאַנצען קערפער איהרען האָט דער שלייער בעדעקט, פון קאָפּ ביז די פיס. און ער האָט זיך צו־געקלעפּט צו איהר לייב...

מיר איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען, און מיין טאָכטער האָט געזיפצט און געקרעכצט אונטער'ן שלייער.

אינעווייניג, אין טויער, שטעהט אַ וואַך.

ווידער אַמאָל האָט מען מיך געפרעגט ווי איך הייס, און איך האָב פון דאָס ניי געענטפערט מיט דעם קלאַנג פון „באַקשיש".

— און די, וואָס שטעהט לעבען דיר? — האָט דער עלצטער געפרעגט.

— איז מיין טאָכטער, — האָב איך געענטפערט. — זעהסט דאָך דעם שלייער מיט'ן רעגירונגס־זיעגעל אויף איהר... די ערשטע וואַך האָט אונז דורכגעלאָזט!

— ס'מאַכט גאָר ניט אויס, — האָט איינער פון די וועכטער געענטפערט און האָט גענומען אַן אייל און איז צוגעגאַנגען צו מיין טאָכטער, זי אָב־צומעסטען.

— זי קען אין שטאָדט ניט אַריינקומען, — האָט ער בעשלאָסען.

— טהוט מיר לייד, — כאַפּט איהם דער עלצטער אונטער, זיך דערמאָנענדיג אָן דעם „באַקשיש". — זי איז העכער פון אַלע מענשען־טעכטער... דאָס געהט ניט, דאָס איז צו הויך!

— וואָס זשע קען מען טהאָן? — האָב איך אויסגעשריען. — ס'איז דאָך שוין פערפאַלען.

— אמת, נאָר אין שטאָדט קענט איהר ניט אַריינקומען!

— פרייליין, — רופט זיך אָב אַן אַנדער שומר — ציינט אַקאָרשט אייער פּוּס...

מיין טאָכטער האָט זיך ניט געשעהמט און האָט ערפילט זיין פערלאַנג.

— אויף דער פוּס — זאָגט ער — איז ניט ווי עס דאַרף צו זיין! ער האַלט זיך אויף זיך אַליין... אַ טאָכטער פון גלוּביגע געהט ניט אויף אַזעלכע פּים!

— אָבער איך וויל אַריין אין שטאָדט! — האָט זיך דערהערט מיין טאָכטער׳ס שטימע פון אונטער׳ן שלייער.

— זי ווי ל,—קרימט איהר איבער דער עלצטער פון דער וואַך,— זי וויל, און איהר פערלאַנג זאָל ערפילט ווערן.

— אַ סדום-בעטעל! — האָט ער אַ געשריי געגעבען.

מיך האָט מען מיט געוואַלד אַרויסגעוואָרפען אויף דרויסען.

פון דעם סדום-בעטעל האָט מען מיר צוריקגעבראַכט מיין טאָכטער אַ צוקאַליעטשעטע, בעגאָסען מיט בלוט...

— די האָר, — האָט די אונגליקליכע געיאָמערט — האָבען זיי מיר אָבגעשאָרען צוזאַמען מיט דער הויט פון קאָפּ. און די וואונדען האָבען זיי מיט זאַמד בעדעקט... אויף די שפּיץ פינגער פון די פּיס האָבען זיי מיר אָבגעהאַקט...

זעה, ווי קליין איך בין געוואָרען און ווי צושלאָגען, צו׳הרג׳עט — אַן איינפאַכער קריפעל...

קיין גאַנצען גליעד האָבען זיי מיר ניט געלאָזט...

אַוועק איז מיין שטאָלץ, פערשוואונדען מיין שעהנקייט! און ווער וועט דאָס איצט גלויבען, אַז איך בין אַ הימעלס-טאָכטער, אַז איך בין בעשאַפען געוואָרען פון די שטראַהלען פון׳ם נביא׳ס אויג?

אַזוי קלאָגט מיין טאָכטער, און גרויסע טראָפּענס בלוט גיסען זיך פון איהר קערפער...

נאָר דאָס איז נאָך ניט אַלעס געווען.

ס׳האָט אונז בעגעגענט די שטאָדט-וואַך, די שומרים, וואָס דרעהען זיך אַרום אין גאַס.

— וואָס איז דאָס? — האָבען זיי געליאַרעמט — וואָס איז דאָס פאַר אַ געוויין, און וואָס בעטייט דאָס בלוט?

און דאָ האָב איך שוין מעהר קיין „באַקשיש" ניט... אומזיסט האָב איך אַרויסגעוואָרפען מיינע רייד, זיי צו ערקלעהרען וואָס מיט אונז האָט

געטראָפֿען. די וואַך האָט זיך געהאַלטען ביי איהרס — אַז אַ טאָכטער פֿון גלויביגע דאַרף טריפֿען מיט בשמים און ניט מיט בלוט; אַז אַ פֿרומע פֿרוי שפּיעלט ניט קיין ליעבעס מיט אַזעלכע אַלטע לייט ווי איך בין; אַז אַ טאָכטער פֿון גלויביגע האָט אַ הויז און געהט ניט אַרום אַזוי שפּעט ביינאַכט אין די גאַסען. . .

און דער עלצטער פֿון דער וואַך האָט געגעבען אַ בעפֿעהל און מען האָט געבראַכט אַ הילצערנעם קאַסטען מיט טשוועקעס.

אָהן רחמנות האָבען זיי גענומען מיין טאָכטער און זי אַריינגעלייגט אין קאַסטען, דעם דעק האָבען זיי צוגעקלאַפּט מיט טשוועקעס, און צוויי פֿון די חברה־לייט האָבען דעם קאַסטען אַוועקגעטראָגען אויף די אַקסלען צו מיר אַהיים, אויף מיין חשבון, פֿערשטעהט זיך. . .

איך בין ניט אַראָב פֿון זינען, מחמת דער נביא האָט מיר געגעבען אַ שטאַרק האַרץ, און דער מדבר האָט מיך אויסגעלערנט ליידען. . .

אַזוי האָב איך אויסגעטרונקען דעם גאַנצען בעכער פֿון צרות ביז'ן גרונד! —

אַז איך האָב אויפֿגעעפֿענט דעם קאַסטען — האָב איך געפֿונען אַ שטיק פֿלייש און צובראָכענע ביינער. . .

דער טראָפּען פֿון דעם בעהאַלטענעם ליכט האָט זיך אומגעקעהרט צום נביא אין די אויגען און האָט זיך דאָרט פֿערשטעקט אונטער זיינע ברעמען. . .

— —

2.

די האַרף.

מיינע שכנים זיינען געזעסען און גערעדט פֿון מיר מיט שפּאַס.

אויף דער עזעל ביי מיין שכן אין שטאַל האָט געהירזשעט פֿרעהלאַך און לאַכענדיג לעבען זיין קאָרעטע.

די זשאַבע אין דער לוזשע, אונטער מיין פֿענסטער, האָט געקוואָקעט און זיך לוסטיג געמאַכט אויף מיין חשבון. . .

און די הינט אין גאַס האָבען געבילט אויף מיר ווי אויף דער לבנה— מיט אַ געלעכטער, אויסגעמישט מיט צאָרן.

וואָס האָב איך אייך אַזוינס געטהאָן, איהר מענשען? צי האָב איך אייך אַרויסגעריסען דעם ביסען פֿון מויל?

וואָס האָסט דו אין מיר דערזעהן, דו זשאַבע? בין איך דען אַראָב צו דיר אין לוזשע, אָבריידען די ווערים פֿון דיר?

צי האָב איך זיך מיט אייך, הינט וואָס איהר זייט, געשלאָגען פֿאַר אַ צוּבראָכענעם ביין?

און דו עזעל, מיט די לאַנגע אויערן, האָב איך אפשר אַוועקגעגעבען די גערשטען דעם פֿערד און דיר — די דערנער?...

ניט ווייט פֿון מיין פֿענסטער ליגט אַ בית עולם...

אין דער פֿינסטערניש פֿון דער נאַכט, בשעת מיינע שכנים שלאָפֿען, שטעהען די מתים אויף און שיטען זאַלץ אויף מיינע וואונדען.

די מצבות רוקען זיך אָב אָן אַ זייט, די קברים עפֿענען זיך און די מענשליכע סקעלעטען קומען אַרויף און כאַפּען אַ טענצעל אויף'ן „הייליגען אָרט".

און די סקעלעטען קוקען אַריין צו מיר אין פֿענסטער מיט שפּאָט און מיט כעס און ווינקען צו מיר מיט די לעכער פֿון זייערע אויגען...

וואָס האָב איך אייך אַזוינס געטהאָן, איהר מתים?

נאָר דאַן, ווען די לעבעדיגע און די טויטע האבען זיך פֿערלייגט אויף מיר, האָט אליהו הנביא אויף מיר רחמנות געהאַט.

אין אָװענד האָט ער זיך צו מיר בעוויזען.

זיין ווייסע באָרד האָט זיך געשאָקעלט פֿון מיטלייד. פֿון זיינע אויגען, גרויס און ברייט ווי די טויערן פֿון גן־עדן, האָבען זיך געגאָסען פערלדיגע טרעהרען.

האָב איך פֿאַר איהם אויסגעגאָסען מיין ביטער האַרץ.

ער איז תיכף צוריקגעפֿלויגען אין גן עדן און האָט עס דערצעהלט דוד המלך. און דער קעניג האָט ניט געקענט צוזעהן מיין צער, האָט ער מיר געשיקט זיין האַרף צו דערקוויקען מיין פֿערוויטאָגט האַרץ...

נאָר וואָס קומט מיר אַרויס פֿון דער האַרף?

אַז איך ריהר אָן אַ סטרונע, ענטפֿערט די זשאַבע, און דער עזעל פֿון דער קאָרעטע, און דער הונד פֿון'ם מיסט, און אויך מיין שכן רופֿט זיך אָב.

— וואָס האָסט דו זיך אַזוי צוקוואָקעט, זשאַבע?

— פֿון גרויס נחת, מיין פֿריינד. ווערים אָהן אַ שיעור זיינען דאָ אין דער לוזשע, אַלערליי ווערים, און איך פֿאַסט קיין תעניתים ניט...

— וואָס הירזשעסט דו אַזוי, דו עזעל?

— פֿון דאַנקבאַרקייט, פֿון דאַנקבאַרקייט; מחמת — מחמת דער בייטש איז ווייך און דין, און די דערנער אין דער קאָרעטע — דיק, דיק און פֿול!...

— וואָס בילט איהר אַזוי, איהר הינט?

— ס'איז אונז אַזוי וואַרם, אַזוי ליעבהאַרציג וואַרם אויף'ן מיסט...

— און דו, מיין שכן, וואָס איז מיט דיר אַזוי די שמחה?

— אַז דו הויבסט אָן שפּיעלען אויף'ן פֿידעל, כאַפּ איך אַ טענצעל מיט מיין דיענסט...

און נאָך האַלבע נאַכט האָב איך דערהערט דעם קול פֿון די מתים, ווי זיי הוליען...

ווי אַזוי ווילט איהר, איך זאָל אָנריהרען די סטרונעס פֿון מיין האַרף, אַז איהרע זיפֿצען מישען זיך אוים מיט די קושען פֿון דעם דיענסט־מיידעל, מיט דעם קוואָקען פֿון דער זשאַבע, מיט דעם בילען פֿון די הינט און דעם הירזשען פֿון דעם עזעל?

ווי אַזוי זאָל איך שפּיעלען אויף מיין האַרף, אַז איהרע זיפֿצען געהען אַרויף אויף'ן הימעל, צוזאַמען מיט דער פֿערפֿוילטער לופֿט פֿון די מתים?...

נאָר לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, האָט מיין האַרף אַריבערגעשטיגען דעם טומעל פֿון די לעבעדיגע און די טויטע...

און דעמאָלט — האָט מען מיך און מיין פֿידעל אַוועקגעפֿיהרט אין תפיסה, און פֿון דאָרט צום ריכטער, צום „קאַדי".

— וואָס האָב איך אַזוינס געטהאָן, קאַדי, וואָס דו האָסט מיך אַריינגעוואָרפֿען אין קערקער?

וואָס האָבען מיינע פֿערמאַטערטע פֿיס געזינדיגט, וואָס מען האָט זיי געשלאָסען אין קייטען?

— דו פֿרעגסט נאָך? — האָט דער קאַדי געדונערט — די רוה האָסט דו געשטערט; מיט'ן קאָפּ אַראָב האָסט דו אַלעם איבערגעקעהרט.

— איך? — האָב איך פֿערוואונדערט געפֿרעגט.

— דו מיט דיין האַרף.

און ער האָט אַ געשריי געטהאָן:

— די עדות!

זיינען זיי געקומען —

מיין שכן איז צוגעגאַנגען צום קאַדי'ס טיש, האָט זיך טיעף פֿערנייגט פֿאַר איהם און געזאָגט:

— גרויסער קאַדי! — די ערשטע צייט, ווען ער האָט אָנגעפֿאַנגען שפּיעלען אויף זיין פֿיעדעל, פֿלעג איך יעדען טאָג אַרויסגעהן טאַנצען מיט מיין דיענסט. נאָר מיט אַמאָל איז געוואָרען אַ גאַנצע איבערקעהרעניש ביי איהר אין האַרצען. אַ נייער גייסט איז אַריין אין דער דיענסט... אין איהרע אויגען האָבען זיך געוויזען טרעהרען, די ברוסט האָט זיך מורא'דיג געהויבען און איהר געזיכט איז געוואָרען בלייך ווי קאַלך...

— וואָס איז דיר אַזוינס געשעהן? — האָב איך איהר געפֿרעגט.

פֿאַלט זי אויף די קניע און בעט זיך:

— בעפֿריי מיך, מיין הערר, לאָז מיך אָב פֿון דיר!

איך בין דאָך ניט אַזאַ נאַרר, פֿערשטעהט זיך, זיך צוצוהערען צו דעם געבעט פֿון אַ דיענסט, האָב איך אָנגעשריען אויף איהר און איהר בעפֿוילען מיט'ן האַרבען וואָרט, זי זאָל טאַנצען און זינגען. נאָר זי האָט ניט געפֿאָלגט. האָב איך כלומר'שט גענומען דעם רוט, זי איבערצושרעקען... מחמת איך האָב זי זעהר ליעב געהאַט — נאָר זי איז אַנטלאָפֿען און האָט זיך שוין מעהר ניט אומגעקעהרט...

נעכטען האָט מען זי געפֿונען אויפֿגעהאַנגען אויף'ן בוים, הינטער מיין הויז, לעבען דעם באַרג מיסט...

— רוצח! — האָט דער קאַדי געשריען אויף מיר.

בין איך ווירקליך שולדיג אין דער דיענסט'ס טויט?

נאָר איידער מיין שכן האָט נאָך געענדיגט, איז ביים קאַדי אויף'ן טיש אַרויפֿגעשפּרונגען אַ זשאַבע. און ווי שעהן איז דאָס גרינס, וואָס שלאָגט אָב פֿון דעם רויטען טיש־טוך!...

— די גאַנצע לוזשע איז אָבגעשטאָרבען דורך זיין האַרף, — האָט די זשאַבע מיט אַ רחמנות־פּנים געקוואָקעט — מחמת מיינע קינדער זיינען אַרויס אויף דער יבשה; זיי ווילען בעסער הערען די זיפֿצען פֿון'ם פֿיעדעל, האָבען זיי געזאָגט. און צוריק האָבען זיי שוין ניט געוואָלט געהן... די ווערים, האָבען זיי געזאָגט, זיינען זיי נמאס געוואָרען. איהר הערט כאָטש? די ווערים — די ווייבע, זיסע און פֿעטע ווערים קריבען זיי שוין פֿון האַלז...

— און איך בין געבליבען — האָט זי זיך צוּוואָוויינט אויף'ן קול — אַליין, איינינקע אַליין אין דער לוזשע... איך האָב זיי אַלעמען, אַלעמען פֿערלאָרען אין איין טאָג!

— ווערט דיר גאָר ניט געריהרט דאָס האַרץ — רופֿט זיך אָב דער קאַדי צו מיר — פֿון דער פֿרומער זשאַבע׳ס טרעהרען ?

— און איך בין שוין אַלט, — פֿאַלט איהם די צנועה אַריין אין די רייד. — באַלד וועל איך דאַרפֿען שטאַרבען, און ווער וועט מיר די אויגען צומאַכען ?...

— און דו? — ווענדט זיך דער קאַדי צום עזעל.

— איך... — הויבט ער אָן הירזשען און פֿערהיקעט זיך... — אויך איך האָב דורך זיין האַרף דערפֿיהלט די ווייטאָגען פֿון לעבען... די דערנער זיינען מיר נמאס ומאוס געוואָרען, און ווען ניט דער בייטש אין דעם בעל הבית הענד...!

— נו, און איהר? — פֿרעגט דער קאַדי די איבעריגע.

און אַ שייקע פֿון הינט איז אויף מיר אַרויפֿגעפֿאַלען און האָט מיך געוואָלט צורייסען...

פֿון שרעק בין איך געפֿאַלען אין אונמאַכט. און אַז מען האָט מיך אָבגעמינטערט, האָב איך דערהערט דעם קאַדי׳ס אורטהייל.

— איהם, — האָט ער געזאָגט קורץ און שאַרף, אָנצייגענדיג אויף מיר מיט זיין פֿינגער, און עס האָט אַ בלישטש געטהאָן דעם כאַליף׳ס רינג, — איהם שיקט אַוועק אין דול־הויז, און די האַרף שיינקט אַוועק דעם כאַליף׳ס קעבס־ווייב!...

פֿון דאַן אָן בין איך אין דול־הויז. —

א נאכט פֿון שרעק.

(אַ פּסיכאָלאָגישער עטיוד.)

הערר פינקעלמאַן, דער גליקליכער, וועלכער האָט געהאַט ביי זיך אין די הענד אַלע געשעפטען פון דער גאַנצער גובערניע; דער איינציגער הערשער איבער'ן מאַרק צו הויבען די פרייזען און זיי אַראָבצוואַרפען, מאַכען סוחרים און זיי דערנאָך פעראונגליקען, אויפבויען געשעפטען און זיי דערנאָך פערניכטען; דער מאַן, וואָס האָט „ממון קורח" און וויים איך וויפיעל הייזער, — הערר פינקעלמאַן, דער גרויסער פיש, דער לויתן פון דעם „קאַבצאַנסקער" טייך, האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעכאַפּט אין מיטען נאַכט.

— פאַר וואָס האָב איך זיך דאָס אויפגעכאַפּט? — וואונדערט ער זיך.

פאַרהאַן אַסך מענשען אין דער שטאָדט, וואָס קענען ניט שלאָפען. אַ גאַנצע נאַכט, אַזוי ווי ביימאָג, מאַטערן זיי זיך צו געפינען אַ וועג, ווי אַזוי צו ראַטעווען זייערע פאַמיליען פון הונגער. עס זיינען ב"ה דאָ פיעל, וואָס קענען קיין אויג ניט צו מאַכען פון אָנהויב נאַכט ביז אין דערפריה, מחמת דער מאָרגען ליגט אויף זיי ווי אַ לאַסט: גאַנץ פריה וועט מען קומען צונעהמען אַלעס וואָס איז דאָ אין שטוב פאַר אַ חוב... אָבער הערר פינקעלמאַן איז דאָך ניט איינער פון די אַלע; ער איז קיינעם גאָרניט שולדיג. און ווען ער וואָלט אפילו גאָר אין גאַנצען אויפגעהערט צו מאַכען געשעפטען, האָט ער אויך ניט פאַרוואָס מורא צו האָבען. — פאַר וואָס זשע האָט ער זיך עפּעס אין מיטען דערינען אויפגעכאַפּט און קען ניט צוריק איינשלאָפען?

— וואָס איז מיט מיר אַזוינס געוואָרען? — הערט ער זיך ניט אויף צו חידוש'ן.

דער קאָפּ דרעהט זיך איהם, און די ביינער פּיהלט ער עפּעס אַ ברעכעניש.

— וואָס זשע! בין איך ניט אַקאָרשט קראַנק? — טראַכט ער און ווערט דערביי דערשראָקען.

אָבער ער איז דאָך תמיד געווען געזונד. נאָר איינמאָל, געדיינקט ער, ווען ער איז נאָך געווען אַ אינגעל, ביים פֿאָטער אין הויז, איז ער קראַנק געוואָרען פֿון שרעק. פֿון דעמאָלט אָן ביז אויף היינטיגען טאָג האָט ער פֿון קיין קריינק ניט געוואוסט.

מיט אַמאָל גנב'עט זיך אריין אַ צווייפֿעל ביי איהם אין האַרצען:

— בין איך ווירקליך ביי מיר אין דערהיים און איך ליעג דאָס אויף מיין בעט?

ער נעהמט אַרויס די האַנד פֿון אונטער דער קאָלדרע אַ טאַפּ צו טהאָן די וואַנד, און — אָה, די וואַנד איז אַריבער פֿון דער רעכטער זייט אויף דער לינקער!

— איך ליעג דאָך איצט אויף'ן זעלבען בעט וואָס אַלע מאָל, און די וואַנד איז דאָך שטענדיג געווען צו מיין רעכטער האַנד. וואָס זשע, צי איז דאָס ניט אַקאָרשט גאָר אַ חלום?

ניין, ס'איז ניט קיין חלום; ער איז אויף און ער פּיהלט אַלצדינג אַזוי ווי וואַכענדיג. די אויגען זיינען איהם אָפֿען, נאָר זעהן זעהט ער ניט, מחמת עס איז פֿינסטער חושך אין שטוב; די אויערן האַלט ער אָנגעשטעלט, נאָר הערען הערט ער גאָרניט, מחמת אַרום איהם הערשט אַ שטילקייט ווי אויף אַ בית עולם. אַז ער גיט אַ בים מיט די צייהן אויף די אונטערשטע ליפּ פּיהלט ער אַ לייכטען ווייטאָג; אַז די ברעג קאָלדרע רוקט זיך איהם פֿון פּוס אַראָב, דערשפּירט ער אַ קעלט... ווי זשע קומט עס וואָס די וואַנד איז אַריבער פֿון רעכטס אויף לינקס?

דער געדאַנק מכח דער וואַנד לאָזט איהם ניט רוהען.

— ס'איז גאָר קיין ספק ניט, אַז מיט מיר האָט היינט געמוזט עפּעס אַן אונגליק פּאַסירען... ניט אומזיסט דרעהט זיך מיר דער קאָפּ אַזוי און איך קען איהם פֿון שווערקייט ניט אויפֿהויבען; ניט אומזיסט ציטערן אַלע גליעדער מיינע פֿון שרעק... דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז עפּעס מוז דאָ זיין...

און ער פּיהלט, אַז דאָרט, טיעף, טיעף ביי איהם אין האַרצען, ליגט די סבה בעגראָבען. דאָס איז דאָס אונגליק, וואָס האָט איהם געטראָפֿען. נאָר זיין זכרון האָט געמוזט קאַליע ווערן און ער קען זיך דערמיט היינט ניט בענוצען.

יאָ, עס איז ביי איהם גאָר קיין ספק ניט! חיינט, היינט האָט מיט איהם עפּעס אַן אונגליק פּאַסירט, נאָר ער האָט עס גלייך אויף דער מינוט פֿערגעסען.

— אָבער פֿאַר וואָס?

ס'האָט שוין מיט איהם ניט איין מאָל געטראָפֿען, אַז ער האָט עפּעס פֿערגעסען און ער האָט געמוזט וואַרטען אַ טאָג, צוויי, ביז וואַנען ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם. דעמאָלט אָבער פֿלעגט ער נור דעם נ אָ מ ע ן פֿון דער זאַך פֿערגעסען, אָבער ניט די ז אַ ך אַליין. דאָס וואָרט איז איהם אויף דער צונג געלעגען, נאָר אַרויסריידען האָט ער׳ עס בשום אופן ניט געקענט.

— צי האָט ז י מיר ניט אַקאָרשט דאָס לעבען פֿערביטערט?

אָבער ביי דעם דאָזיגען געדאַנק געהט איהם אַריבער אַ שוידער איבער'ן לייב. ניין! זי איז דאָך „זיין לעבען, זיין נשמה"...

זי שלאָפֿט אודאי.

פֿינקעלמאַן לייגט צו דעם אויער צום קישען; איהר אָטהעם-צוג וויל ער הערען. אָבער אומזיסט — אַרום מרים'ן הערשט אַ טויטענ-שטילקייט. ער הויבט קוים מיט צרות אויף דעם שווערען קאָפּ זיינעם אַ קוק צו טהאָן וואָס עס טהוט זיך אַנטקעגען איהם; די מיעדע אויגען שטריינגט ער אָן; ער וויל זי זעהן ווי זי ליגט אויף איהר בעט — אומזיסט. אַ ווייסער, אַ דונקעל-ווייסער פֿלעק שוועבט איהם אַנטקעגען אין דער לופֿטען.

— וואָס פֿאַר אַ שוידערליכע נאַכט! — שעפּטשען זיינע ליפּען.

און ער האָט מורא דעם קול אויפֿצוהויבען, ער זאָל איהר חלילה ניט אויפֿוועקען. אויב עס האָט באמת געטראָפֿען עפּעס אַן אונגליק, האָט דאָך דאָס איהר אויך אָנגעריהרט; נאָך וואָס זשע זאָל ער ביי איהר די רוה אָוועקרויבען — דעם שלאָף, וואָס דער גוטער גאָט האָט איהר געשיקט? זאָל זי שלאָפֿען, זאָל זי זיך אויסרוהען, די אונשולדיגע טויב...

זי איז דאָך נעביך ניט מיט אַלעמען... גאָט ווייס וואָס איהר פֿעהלט. פֿאַר איהם איז זי אַ געהיימנים; ער קען ניט וויסען וואָס ביי איהר ,קומט פֿאָר. עפּעס איז דאָ אַ וואָרים ביי איהר אין האַרצען, וואָס הערט זי ניט אויף צו טאָטשען. יאָ, אַ רעטעניש איז זיין פֿרוי פֿאַר איהם. בשעת זי איז געווען אַ כלה איז זי אַזוי מונטער געווען, אַזוי לעבעדיג, אַזוי פֿרעהלאַך; אַזוי ווי אַ פֿויגעלע האָט זי אַרומגעטאַנצט... אויך נאָך דער חתונה האָט זי אַ שטיק צייט זיין האַרץ פֿערזיסט מיט איהר לוסטיגקייט... נאָר מיט אַמאָל איז דער סאָלאָוויי אַנשוויגען געוואָרען, פֿון איהר געזיכט איז דער זיסער שמייכעל פֿערשוואונדען... זי איז גאָר אַן אַנדער מענש געוואָרען.

דער פנים בלייך, אונטער די אויגען שוואַרץ, און אינעווייניג, אין די אויגען, האָט זיך קיין פּונק ליכטיגקייט ניט געזעהן... אויף איהר שטערן האָט זיך אַ פינסטערער וואָלקען אַריבערגעצויגען.

אומזיסט האָט ער זיך ביי איהר צובעטען, זי זאָל איהם זאָגען וואָס איהר פעהלט, וואָס מיט איהר איז געוואָרען.

„גאָרנישט,“ ענטפערט זי כסדר, „גאָרנישט“...

פון דעמאָלט אָן האָט זי זיך אין גאַנצען געענדערט. פון דאַן אָן איז זי געוואָרען דער סימבאָל, דער צייכען פון טרויער... אין גאַנצען די מאַמע זיינע, עליה השלום.

— אָבער — מאַטערן איהם די פינסטערע געדאַנקען — מיין מוטער איז אַן אונגליקליכע געווען, מיט אַ שווערען געמיטה, אַ קראַנקע, אַ פערווייטאָגטע און אַ געפלאָגטע. מיין פאָטער האָט איהר דאָס לעבען פערביטערט; זי האָט פאַר איהם קיין קאָפּ ניט געקענט אויפהויבען; און קבר האָט ער זי געטריבען...

זיין מוטער איז דאָך ניט געווען קיין בעל הבית׳טע, נאָר אַן איינפאַכע דיענסט אין שטוב. אין „קאַבצאַנסק“ איז זי געווען אַזוי בעליעבט ביי אַלעמען, די גוטע מאַמע זיינע; נאָר דער טאַטע זיינער, דער קאַרגער, האָט זי פיינט געהאַט און האָט פאַר איהר קיינמאָל קיין גוט וואָרט ניט געהאַט. ווי אַ שאָטען האָט זי זיך אַלזאָ אַרומגעדרעהט, אַזוי ווי אַן איבעריגע, ביז וואַנען זי איז פאַר דער צייט, אַזאַ יונגע, אַוועק פון דער וועלט... אָבער זי, זיין פרוי — וואָס געהט איהר דען אָב? אַזוי ווי זיין מוטער איז זי אויך אַ גוטע, אַ טהייערע נשמה; אויך איהר הויז איז אָפען פאַר אַלע אָרימע לייט. ווען זי דערזעהט נור, רופט זי אַריין אינעווייניג, לאָזט זי איהם שוין ליידיג ניט אַרויס... נו יאָ, אָבער זי קען דאָך טהאָן אַלעס וואָס זי וויל. ווער זאָגט איהר דען אַ וואָרט? זי איז דאָך די גאַנצע בעל הבית׳טע, און פינקעלמאַן, דער גרויסער פיש, דער לויתן — איהר אונטערטהעניגסטער קנעכט, דאָס פוס-ביינקעלע איהרס. וואָס זי רעדט נור פון מויל אַרויס איז הייליג, איהר פערלאַנג — אַ געזעץ, און איידער זי בעט נאָך עפּעס, טהוט ער שוין, — וואָס זשע פעהלט איהר נאָך?

— האָט זי מיך טאַקי באמת ניט ליעב?

אָט די פראַגע האָט זיך איהם שוין אין די ביינער איינגעגעסען.

אַמאָל, אַז ער איז נאָך איהר חתן געווען און פלעגט צו איהרע עלטערן אין שטוב אַריינקומען, האָט זי איהם זעהר געליעבט. דעמאָלט איז זי צו איהם אַזוי פריינדליך געווען, און איינמאָל האָט זי איהם אין דער שטיל, אויף די טרעפּ, אַ קוש געטהאָן... דערנאָך האָבען זיי זיך אין גאָרטען

געטראָפֿען, אונטער אַ בוים. דאָרט האָט זי איהם איהר האַרץ געעפֿענט, האָט זיך צו איהם אין ליעבע ערקלעהרט; און ער האָט איהר געזאָגט, אַז זי איז פֿאַר איהם דער פּאָרטרעט, דאָס בילד פֿון זיין גוטער, טהייערער מוטער. דאַן האָט ער דאָס איהר געשוואָרען, אַז ער וועט ניט זיין ווי זיין טאַטע, דער אונבאַרמהערציגער, דער קאַרגער; אַז ער וועט זי אָבהיטען ווי דאָס אויג אין קאָפּ; אַז ער וועט אַכטונג געבען, די צוויי רויזען איהרע, די באַקען, זאָלען ניט פֿערוועלקט ווערן, איהרע ליפּען זאָלען ניט פֿערדאַרט ווערן, די שעהנע, קלאָהרע אויגען איהרע זאָלען ניט פֿערפֿינסטערט ווערן פֿון געוויין...; אַז ער וועט אויף איהר ליכטיגען שטערן קיין וואָלקענדעל פֿון טרויער ניט אַרויפֿלאָזען, און פֿון איהר ריין האַרץ וועט ער קיינמאָל קיין זיפֿץ ניט אַרויסרייסען.

האָט ער קיין וואָרט ניט געהאַלטען? איז דאָס זיין שולד? איהם דוכט זיך, אַז ער האָט זיך געגען איהר מיט גאָרניט פֿערזינדיגט...

איהרע עלטערן האָבען דעם נדן, וואָס זיי האָבען צוגעזאָגט, ניט געגעבען... וואָלט דער טאַטע זיינער נאָך געלעבט, וואָלטען די תנאים אודאי צוריסען געוואָרען...

— אָבער פֿאַר וואָס איז די מאַמע ניט געבליבען לעבען? פֿאַרוואָס האָט זי ניט דערלעבט דעם נחת צו זעהן, ווי איך האָב גענומען אַ וועקסעל אָנשטאָט מזומן?

ס'טהוט איהם זעהר באַנג וואָס די גוטע, עהרליכע מוטער זיינע האָט ניט געזעהן מיט איהרע אויגען, ווי ער האָט אויפֿגעאָפּפֿערט דאָס געלד פֿאַר זיין ליעבע צו מרים'ן... אָבער איין טרייסט האָט ער, אַז די מוטער זיינע האָט עס מסתמא פֿון אויבען, פֿון הימעל געזעהן, און זי וועט דאָרט פֿאַר איהם אַ מלאך מליץ זיין.

צוויי יאָהר נאָך דער חתונה, בעת זיי זיינען ביים אָנבייסען געזעסען, קומט אָן אַ בשורה, אַז דער שווער זיינער האָט באַנקראָטירט.

— שפּאַן איין דעם וואָגען! — האָט ער אַ געשריי געטהאָן צום משרת.

— וואָס ווילסט דו טהאָן? — האָט מרים געפֿרעגט.

— מיין געלד וויל איך פֿאָהרען ראַטעווען, — האָט ער אויף גיך געענטפֿערט.

זי האָט אַ וואָרט ניט גערעדט, נאָר די אויגען האָט זי אַראָבגעלאָזען, און איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די זונן איז אין מיטען טאָג אונטער־געגאַנגען. ער איז גלייך אַן אַנדער מענש געוואָרען.

די וועקסלען האָט ער פֿאַר איהר אין די אויגען אויף שטיקלאַך צוריסען.

SOCIALIST ... OF THE BUND

— אַרויסהעלפֿען זיי פֿון דער צרה פֿאָהר איך, — האָט ער געזאָגט.

און בשעת מעשה איז ער איהר צו די פֿיס געפֿאַלען און האָט איהרע קליינע, קאַלטע הענד מיט הייסע קושען בעדעקט.

דאַן האָט זי איהם אַרומגענומען און האָט זיך צוואויינט.

אַזעלכע סצענעס האָבען כמעט יעדען טאָג געטראָפֿען. ווען ניט מרים, וואָלט ער שוין אַצונד געהאַט פֿיער מאָל אַזוי פֿיעל פֿערמעגען ווי איצט...

— בשעת זי איז דאָ מיט מיר אין שטוב, קען מען גאָר קיין געשעפֿטען ניט מאַכען: דער פֿערקויפֿער איז אַ ברודער, דער קונה — אַ לייבליכער קרוב, יעדער איינער וואָס קומט אַריין אין הויז — אַ פֿריינד און אַ בעקאַנטער... צו אַלעמען מוז מען עפּעס זיין גוט און פֿריינדליך און ליעבענסווירדיג; און איהרע אויגעןווירקען אויף אַלצדינג, אויף דער וואָג, אויף דער מאָס, אויף דעם מקח...

נאָר אסור אויב עס אַרט איהם... ער וויל דאָך איהר גליקליך זעהן.

ער וויל דאָך ניט, אַז זיין פֿרוי זאָל אומקומען פֿאַר דער צייט, ווי די מאַמע זיינע.

צוליעב איהרעטוועגען איז ער אויסגעקאָכט איבעראַל; צוליעב איהר גיט ער שטענדיג אַ שעהנע נדבה, גיט זיך אָב מיט קהל'שע זאַכען און זאָרגט פֿאַר'ן כלל. פֿון איהרעטוועגען איז ער גרייט צו טהאָן אַלצדינג וואָס מען דאַרף נאָר, חתונה מאַכען אַלע יתומים, זיך אָננעהמען פֿאַר אַלע אלמנות און שטילען דעם הונגער פֿון אַלע אָרימע לייט.

און וואָס וויל זי נאָך?

מערקווירדיג זיינען זיי, די פֿרויען. דוכט זיך, אַזאַ שוואַך פֿאָלק, מילבען — און איבעראַל זיינען זיי פֿול, און אויף אַלעס האָבען זיי אַ מאַכט; וואו זיי ווילען קענען זיי אייך פֿיהרען...

אָבער איז דאָס טאַקי תמיד אַזוי? אָט האָט דאָך זיין פֿאָטער געוועלטיגט איבער דער פֿרוי מיט זיין אייזערנער האַנד; ניט איין מאָל איז איהם אויסגעקומען צו הערען וועגען מענער, וואָס שלאָגען זאָגאַר זייערע פֿרויען... און, דעם אמת זאָגענדיג, איז דאָך דאָס גאָר פונקט פֿערקעהרט — דאָס רוב מענער הערשען איבער זייערע פֿרויען, נאָר ער...

— ניט אומזיסט האָט מיך דער טאַטע גערופֿען טרוס, אידענע... ער איז, כ'לעבען, גערעכט געווען.

דאָך פֿערדריסט עס איהם ניט.

נאָר אַז זי גיט זיך נור אַ דרעה אויס, אַז זי געהט נור אַרויס פֿון שטוב — געהט איהם אַריבער אַ לייכטער שמייכעל איבער די ליפּען...

אַז די פרוי זיינע גיט זיך נור אַ קעהר אָב פון איהם, ווערט ער גלייך אַן אַנדער מענש. דאַן קומט אויף איהם זיין פאָטער'ס גייסט; דער אמת'ער גייסט פון מסחר נעהמט איהם אין דער מינוט אַרום. דאַן ווערט ער אין גאַנצען אַ שקלאַף פון געלד, פון גאָלד: אַ מרה־שחורה כאַפּט איהם אָן, זיין צימער ווערט אַ גיהנום, די סוחרים — טייוואָלים, וואָס שלאָגען זיך איינער מיט'ן אַנדערן מיט כיטראָסט, מיט פאַלשקייט, מיט שווינדעל... אַ מלחמה אויף לעבען און טויט.

נאָר שאַ! ס'הערט זיך דער שאָרך פון אַ קליידעל. איהרע קליינע פּיס האָבען נור אַריבערגעטראָטען זיין שוועל, און — אויף יעדען געזיכט איז שוין דאָ אַ ליעבליכער שמייכעל, ביי יעדען אין די אויגען אַ פריינדליכער בליק... ניטאָ מעהר קיין כיטראָסט, קיין פאַלשקייט, קיין ברוטאַלע מאַכט. מיט עהרליכקייט, ליעבע, ברידערליכקייט און פריינדשאַפט ווערט דאָס צימער פול.

שוין אַ לאַנגע צייט, אַז זי געהט פון שטוב ניט אַרויס, אַז זי לאָזט איהם ניט איבער אַליין אויף אַ מינוט אפילו... מחמת דעם איז ער אין דער גאַנצער צייט אַזוי גוט; דער מאַמע'ס גייסט לעבט אין איהם, דער מאַמע'ס אָדער מרים'ס נשמה... פון איהרע גוטע אויגען בליצען אַרויס אַזעלכע ליכטיגע שטראַהלען, און זיי דרינגען אַריין אין זיין האַרצען, אין זיין ברוסט, אין זיין מוח, און עס ווערט איהם אַזוי וואַרים, אַזוי ליכטיג.

יאָ, איצט איז ער איבערצייגט, אַז ער בייט זיך: אַמאָל איז ער אַ גלגול פון דעם פאָטער און אַמאָל — אַ גלגול פון דער מוטער.

— און איך אַליין? — וואונדערט ער זיך — וואו איז ערגעץ מיין אייגענע נשמה? וואָס זשע! אָט אַפּנים איך בין אַליין אַ פוסטע כלי בעשאַפען געוואָרען? פאַר מיר האָט גאָר דער בורא קיין נשמה ניט געהאַט?

און ביי איהם אין געדאַנק שוועבען ווידער אַמאָל פערביי פערשיעדענע זאַכען, וואָס האָבען מיט איהם געטראָפען.

איינמאָל, אַז ער איז נאָך אַ חתן געווען, האָט'ער זיינעם אַ בעקאַנטען, אַ סוחר בעשווינדעלט... געשעהן איז עס נאָך זיין מוטער'ס טויט; זיין פאָטער איז שוין אויך געווען אויף'ן עולם האמת און ער איז געוואָרען אַ סוחר פאַר זיך... דער בעשווינדעלטער סוחר האָט איהם גערופען צו אַ דין תורה צום רב פון שטעדטעל. נאָר ווער וועט עס האָבען די העזה צוצופסק'ענען אַזאַ רייכען מאַן?... דער רב איז געווען אַ דערשראָקענער; ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן, האָט זיך גערעהט אַהין, אַהער, געזוכט צו מאַכען אַ פשרה, נאָר ער איז געווען אַזוי ווי אַ שטיין — פון אָרט איז איהם ניט געווען צו ריהרען... מיט אַמאָל גיט דער בעשווינדעלטער

סוחר מיט כעס אַ געשריי, אַז ער וועט דערצעהלען דעם „מחותן" דעם שווינדעל און די עולה... און עס האָט ניט געדויערט קיין צוויי מינוט, האָט ער זיך מיט דעם מאַן אויסגעגלייכט.

די סוחרים האָבען זיך דערפֿון תיכף דערוואוסט און פֿון דעמאָלט אָן האָבען זיי שוין געהאַט אויף איהם אַ בייטש.

צוויי יאָהר נאָך דער חתונה איז זי געפֿאָהרען צו איהרע עלטערן, די גאַנצע צייט וואָס זי איז דאָרט געווען, איז קיינער פֿון די קליינע סוחרים'לאַך קיין גאַנצער ניט אַרויס פֿון זיינע צייהן — קיין דין און קיין יושר איז ניט געווען. נאָר איידער זי איז געקומען האָט ער אַלעס צורעכט געמאַכט. מיט די סוחרים האָט ער זיך פֿערגלייכט; די משרתים האָבען אויסגערייניגט דאָס הויז פֿון שמוץ, און ער האָט ביי זיך אין צימער קיין סימן פֿון אונגערעכ־טיגקייט, פֿון אַ קריוודע ניט איבערגעלאָזט.

— האָב איך ווירקליך אַזוי געטהאָן? — מאַטערט ער זיך צו דער־מאָנען.

אַ קאַלטער שוויס בעדעקט זיין קערפּער. אַ קליינע פּאַסירונג שווימט איהם אַרויף אויף'ן געדאַנק.

„ר' שמואל איז געשטאָרבען... די קליינע יתומים'לאַך האָבען נעביך ניט געוואוסט פֿון וואָס צו זאָגען... זיך קלאָגען פֿאַר איהר האָבען זיי ניט געקענט... אַחוץ דעם זיינען זיי באַלד צוזייט און צושפּרייט געוואָרען אין אַלע זייטען... די אלמנה האָט חתונה געהאַט ערגעץ אין אַ קליין שטעדטעל... די יתומים זיינען געוואָרען משרתים און דיענסטען אין אַ גרויסער שטאָדט... זיי האָב איך גאָרניט אַרויסגעצאָהלט, כאָטש לויט'ן חשבון בין איך זיי נאָך שולדיג געווען... פֿינף און צוואַנציג רובל בין איך זיי נאָך שולדיג געבליבען, און אפשר נאָך מעהר..."

יאָ, ער, ער אַליין איז גאָרנישט, אַ פּוסטע כלי. דערפֿאַר איז ער אַמאָל אַזוי ווי אַן אונשולדיג טייבעלע און אַמאָל ווי אַ רויב־פֿויגעל, אַמאָל ווי אַ לעמעלע און אַמאָל ווי אַ טיגער...

נאָר מיט אַמאָל רייסט זיך איהם איבער דער געדאַנקען־פֿאָדים און אין זיין שווערען מוח קומט פֿון דאָס ניי אויף די ערשטע פֿראַגע:

— אָבער וואָס פֿאַר אַן אונגליק האָט פֿאָרט מיט מיר היינט גע־טראָפֿען?

מען דאַרף זיך ניט וואונדערן וואָס די דאָזיגע פֿראַגע מאַטערט דעם הערר פֿינקעלמאַן אַזוי שטאַרק. אַלע איינוואוינער פֿון קאַבצאַנסק האָבען זיך דאָך געוואונשען צו האָבען זיין מערכה. „אויף מיר געזאָגט געוואָרען זיינע דאגות און זיין קאָפּ־ווייטאָג, זיין עסען און טרינקען און זיין שלאָפֿען"...

די ווערטער האָט מען פֿון יעדען איינעם געקענט הערען. פֿינקעלמאַן'ס גליק איז געלעגען ביי יעדען אין מויל.

און ס'איז קיינעם ניט אַרויפֿגעקומען אויף'ן געדאַנק זיך צו בעקלאָגען אויף הערר פֿינקעלמאַן'ס שלעכט האַרץ... ער איז דאָך עפּעס אַ „גביר"; און אויב ער איז אָפֿטמאָל האַרט ווי אַ שטיין, איז דאָך דאָס געשעפֿט. שעהן וואָלט ער, כ'לעבען, אויסגעזעהן, ווען ער וואָלט געהאַט אַן אָפֿענע האַנד פֿאַר אַלעמען... ער וואָלט גיך געוואָרען אַן אָרימאַן אַן ווי אַלע איינוואוינער פֿון קאַבצאַנסק. אויך פֿאַר די עבירות זיינע האָט מען איהם צוליעב זיין עשירות מוחל געווען: „אַז מען ווערט זאַט, פֿערבויגט מען אַביסעל די אידישקייט" — אַזוי געהט עס שוין אויף דער וועלט. דער „גביר" מוז תמיד זיין צווישען מענשען, מוז זיך צונויפֿטרעפֿען מיט גרויסע לייט, מיט גראַפֿען, מיט פריצים, און ער קען ניט אָבהיטען אַלע תרי"ג מצוות פֿון דער תורה מיט אַלע קליפּערלאַך... דערפֿאַר האָבען אפילו די פֿרימסטע לייט פֿון שטאָדט דעם הערר פֿינקעלמאַן מוחל געווען פֿאַר די לייכטע דינים און די קליינע מנהגים, וואָס ער האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנד; זיי האָבען אויף איהם קיין פֿאַראיבעל ניט געהאַט וואָס ער פֿלעגט אין דערהיים, למשל, געהען אָהן אַ היטעל, וואָס ער האָט ביי זיך אין שטוב אַ פּיאַנאָ געהאַט און וואָס ער האָט די צוויי אינגלאַך זיינע געשיקט אין דער גרויסער שטאָדט אַריין, אין גימנאַזיע...

און אויך אָט דער פֿאַקט קומט איהם איצט אַרויף אויף'ן זינען.

אמת, אַז זיינע צוויי זיהן זיינען אין דער גרויסער שטאָדט; זיי לערנען דאָרט אין דער גימנאַזיע. נאָר איין גאָט ווייסט דעם אמת, אַז ניט מיט זיין גוטען ווילען איז דאָס געשעהן... ער האָט זיי געוואָלט אַראָבברייינגען מלמדים פֿון דער ליטא, און לעהרער האָט ער זיי געוואָלט פֿערשאַפֿען פֿון וואַרשע; נאָר זי האָט זיך איינגע'עקשן'ט ניט אַנדערש נאָר זיי שיקען אין גימנאַזיע, האָט ער געטהאָן וואָס זי האָט פֿערלאַנגט.

— פֿאַרוואָס האָט זי די קינדער פֿון מיר אַוועקגעשיקט?

אויך די פֿראַגע איז ניט קיין נייע. זינט די קינדער זיינען אַוועקגעפֿאָהרען, לאָזט עס איהם ניט רוהען... אָפֿטמאָל בעשולדיגט ער זי, אַז זי האָט איהרע קינדער ניט ליעב... אָבער דאָס איז אַ נאַרישקייט... אַז ס'קומט אָן אַ בריעף פֿון זיי, וויינט זי אַזש פֿאַר שמחה, און טאָמער געהען פֿערביי עטליכע טעג און זיי שרייבען ניט, ווערט זי קראַנק פֿון צער און שרעק... יאָ, איהם דוכט זיך, אַז זי הערט גאָרניט אויף צו וויינען אין דער שטיל, ווען זי איז אַליין... יעדען פֿריה־מאָרגען שטעהט זי אויף

מיט רויטע, פערוויינטע אויגען, און זעהר אָפֿט הערט ער איהר זיפֿצען ביינאַכט.

— וואָס זשע! האָט זי טאַקי מורא, איך זאָל ניט האָבען אויף זיי אַ ווירקונג, איך זאָל ניט אַריינגעבען אין זיי מיין גייסט?

— מ י י ן גייסט? אָט אַפּנים איך האָב דען אַ גייסט? איך בין דאָך, דוכט זיך, אַן איינפֿאַכער גולם, איך!

— וואָס איז דאָס מיט מיר געוואָרען?

די געדאַנקען, וועלכע מאַטערען איהם איצט און גיבען איהם קיין רוה ניט, זיינען איהם ניט פֿרעמד; ער קען זיי גוט. טאָג פֿאַר טאָג שווימען זיי אַרויף ביי איהם אין מוח, אָבער אַזוי ווי אַ בליץ בעוויייזען זיי זיך און כהרף עין זיינען זיי שוין ניטאָ... נאָר איצט ריהרען זיי זיך פֿון אָרט ניט און האַלטען איהם אין איין לעכערן דעם מוח.

מן הסתם איז היינט ביינאַכט עפּעס אַנדערש ווי אַלע נעכט; זיינע נערוועז זיינען איהם מורא׳דיג אָנגעשטריינגט. עפּעס האָט דאָך געמוזט מיט איהם טרעפֿען. וואָס זשע פֿאָרט? ער וויל זיך דערמאָנען וואָס נעכטען איז פֿאָרגעקומען, אפשר וועט ער אַרויפֿקומען אויף׳ן סליאַד פֿון זיין אונגליק. אָבער אונגליקליכערווייזע געדיינקט ער גאָרניט וואָס נעכטען איז געווען: ניטאָ קיין נעכטען — אַ גאַנצער בלאַט איז אויסגעריסען ביי איהם אין טאַגע-בוך... ער פּרוּווט זיך דערמאָנען עפּעס פֿון אייערנעכטען — אויך דאָס ניט: צוויי בלעטער פֿעהלען אין בוך. דאָס לעצטע בלעטעל, וואָס ער קען איבערלעזען, איז דער ערשטער טאָג פֿון דער וואָך. ווייטער איז אַלעס פּוסט ביי איהם אין מוח, אַ כאַאָס, אַן אמת׳ער תוהו ובוהו. זיין מוח זעהט איהם אויס אַזוי ווי אַ זייגער, וואָס האָט זיך זינט אַ פּאָר טעג אָבגעשטעלט, אום זונטאָג פֿאַרנאַכט... ווי וואונדערבאַר, ווי שרעקליך דאָס איז!

און ער פֿערטיעפֿט זיך אין די פּאַסירונגען פֿון זונטאָג. איינציגווייז נעהמט ער פֿאַנאַנדער אַלעס, אַלעס, וואָס איז געטהאָן און גערעדט געוואָרען ביי איהם אין שטוב... אַלעס געדיינקט ער גוט. אויף׳ן האַרצען איז עס ביי איהם אויסגעקריצט, ס׳פֿעהלט קיין האָר ניט — אַלעס, אַלעס, יעדעס וואָרט אפילו קלינגט איהם אין די אויערן...

אַלעס ביז׳ן אָוועגד.

פֿאַרנאַכט האָט אַ קליינינקייט פּאַסירט: זיצענדיג מיט איהר ביים סאַמאָוואַר, האָט זיך פּלוצלינג דערהערט דער גערויש פֿון צובראָכענע שטיקלאַך גלאָז אין קיך. זי איז שיער ניט געבליבען אַ טויטע פֿון שרעק... פֿריהער איז איהר דאָס בלוט געקומען אין פּנים אַריין; איהרע באַקען זיינען געוואָרען רויט ווי צונטער... די ליליע איז מיט אַמאָל אַ

רויז געוואָרען... דערנאָך איז די רויטע פֿאַרב פֿערשוואונדען; איהר געזיכט איז געוואָרען בלייך ווי קאַלך, דערנאָך גרין... אַ טומעל, אַ טרייסעל, און זי האַלט ביי פֿאַלען אין חלשות... דאַן האָט ער זי אַ כאַפּ געטהאָן אין די אָרעמס און זי אַנידערגעלייגט אויף'ן קאַנאַפּע. זי האָט זיך פֿון זיינע הענד ניט אַרויסגעריסען ווי איהר שטייגער איז געווען... אדרבה, דעם קאָפּ האט זי אויף זיין אַקסעל אָנגעשפאַרט, און איהם איז אַזוי גוט געוואָרען. אַ תענוג, אַ זיסער תענוג איז איהם דורך אין די ביינער. נאָר געשראָקען האָט ער זיך פֿונדעסטוועגען, געשראָקען אָהן אַ ברעג.

— האָב קיין מורא ניט, — האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט איהר שטילע שטימע — האָב קיין מורא ניט, מיין שרעק איז אַריבער...

— האָב קיין מורא ניט, — בערוהיגט זי איהם ווייטער — אָבער בייזער זיך ניט, איך בעט דיך, אויף דער דיענסט... זי האָט דאָך דאָס ניט אומישנע געטהאָן...

— בערוהיג זיך, — בעט זי זיך ווייטער ביי איהם מיט איהר זיסען קול — פֿאַרוואָס קלאַפּט דיין האַרץ אַזוי ווי מיט האַמערס?... ס'איז דאָך גאָרניט, אַלעס איז אַריבער. איאָ? דו זאָגסט מיר צו, אַז דו וועסט דער דיענסט גאָרניט טהאָן, אַז דו וועסט איהר ניט אָברעכענען פֿון איהר געהאַלט?...

ער האָט עס איהר פֿערשפּראָכען, כאָטש ער האָט ניט אָנגעהויבען פֿערשטעהן וואָס זי רעדט. זי איז דאָך די גאַנצע בעל הבית'טע; זי קויפֿט דאָך, זי דינגט דאָך און זי בעצאָהלט דאָך אַלעמען — נאָך וואָס זשע קלאַניעט זי זיך ביי איהם אַזוי?

מיט אַמאָל בעט זי איהם, ער זאָל איהר דערצעהלען עפּעס וועגען זיין מוטער.

— וואָס איז איהר עפּעס פֿון העלערהויט איינגעפֿאַלען מיין מוטער?— וואונדערט ער זיך איצט. נאָר דאַן האָט ער קיין צייט ניט געהאַט צו טראַכטען. ער האָט איהר דערצעהלט, אַז זיין מוטער איז געווען גוט ווי אַ מלאך, שעהן, עהרליך און ריין — „אַזוי ווי דו, מרים".

אויף איהר געזיכט האָט זיך בעוויזען אַ זיסער שמייכעל. נאָר די אויגען האָט זי געהאַלטען צוגעמאַכט, און ער וואַרט אַלץ, זי זאָל זיי עפֿענען. אַזוי ווי דער וואַנדערער אין דער וויסטע, אין אַ שטאָק־פֿינסטערע נאַכט, קוקט אַרום אויף די שטראַהלען פֿון דער זונן, אַזוי האָט ער געוואָלט דערזעהן דאָס ליכט פֿון איהרע אויגען...

— ביסט גוט, מרים, אַזוי ווי די מאַמע איז געווען, און אויך דיינע אויגען — מאַכט ער מיט אַ גנב'ישען טאָן — זיינען פונקט ווי איהרע, אונשולדיגע אויגען פון אַ טייבעלע...

נאָר זי האָט זיי אַלץ ניט געעפענט. אַ שרעקליכער שמערץ האָט דורכגענומען זיין האַרץ...

— אָבער מיין מוטער, מרים, איז געווען אַן אונגליקליכע, אַ פערביטערטע פרוי און איז פאַר דער צייט געשטאָרבען.

דאָ האָט זי זיך אויפגעכאַפּט. זיין קול האָט געציטערט. לאַנגזאַם האָט זי אויפגעהויבען די ברעמען פון די אויגען — ער האָט פאַר זיך דעם הימעל דערזעהן.

— און דו האָסט די מאַמע'ן ליעב געהאַט? — פרעגט זי.

— צי איך האָב זי ליעב געהאַט? — ענטפערט ער און בלייבט פלוצלינג אָהן לשון פון צופיעל אויפרעגונג.

— און דעם טאַטען? — פרעגט זי ווייטער, און די ברעמען פון איהרע אויגען לאָזען זיך ביסלעכווייז אַראָב.

— איהם האָב איך אויך געליעבט, — ענטפערט ער. — אָפטמאָל פלעג איך איהם אויך ליעב האָבען... אָפטמאָל, בשעת די מאַמע איז ניט געווען אין שטוב, האָב איך ליעב געהאַט זיצען ביי איהם אויף'ן שויס און ער האָט מיר געלערנט שרייבען און לעזען, און אויך ווי אַזוי צו לעבען האָט ער מיר געלערנט...

ער פיהלט, דוכט זיך, אַז די אַלע רייד געפעלען איהר ניט, אַז זי קען זיי ניט הערען; ער קען זיך אָבער ניט אָבהאַלטען, און ער דערצעהלט ווייטער:

— דער טאַטע איז געווען אַ שרעקליכער קאַרגער, אָבער דערפאַר אַ בעריהמטער סוחר מיט אַ גרויסען נאָמען, האָט ער מיך אויך געוואָלט פאַר אַ סוחר מאַכען, ניט פאַר אַ פייגלינג, אַ אידענע, ווי די מאַמע האָט געוואָלט —

נאָר דאָ שטעלט ער זיך אַליין אָב און לייגט צו די ווערטער: „נאָך זיינע רייד נאָך", כדי צו פערריכטען דעם פעהלער, וואָס ער האָט געמאַכט.

— דער טאַטע פלעגט זאָגען: געלד וועסט דו קריגען בירושה, קיין שכל אָבער ניט. זעה זשע אַריינצוכאַפּען וואָס מעהר חכמה, וואָס מעהר ביטראָסט. און אויך אַ שטאַרקען ווילען מוזט דו האָבען; אָהן דעם קען מען די וועלט ניט דורכגעהן.

ווי נאָר ער פלעגט אָבער דערזעהן די מוטער, האָט ער שוין צום פאָטער ניט געוואָלט צוגעהן אפילו.

ער פֿלעגט שטענדיג ליעב האָבען צו זיצען ביי דער מוטער אין שטוב, אויף זיין קליינעם קינדערשען שטוהל, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף איהר שויס...

די האַר פֿלעגט זי איהם גרייזלען. אָפֿטמאָל איז איהם פֿון די אויגען אַ הייסע טרעהר אַרויס און האָט זיך גלייך אויף זיין באַק אַרונטערגעלאָזט... נאָר דאָס רוב פֿלעגט זי איהם וואונדערבאַרע „מעשה׳לאַך" דערצעהלען...

זיין גליק האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטען... דער פֿאָטער האָט ניט געוואָלט, „ער זאָל אויסוואַקסען אַ פרא אדם, אַ טרוס, אַ אידענע", פֿלעגט ער איהם יעדעס מאָל ביים אויער אַריינשלעפּען צו זיך אין צימער.

דער עיקר פֿלעגט דער פֿאָטער זיין אין כעס אויף די מעשה׳לאַך, וואָס די מאַמע פֿלעגט איהם דערצעהלען. דאָס זיינען ס׳רוב געווען ערצעהלונגען וועגען מתים, וועגען רוחות, וועגען קברים און נאָך אַנדערע אַזעלכע נאַריש־קייטען... איינמאָל האָט איהם דער פֿאָטער פֿערשפּאַרט אויף אַ גאַנצע נאַכט אַליין אין אַ פֿינסטערן חדר. דאָס האָט ער איהם געוואָלט אָבגעוואוינען פֿון שרעקען זיך, פֿון אומזיסטען פחד.

אין דערפֿריה, אַז מען האָט די טהיר פֿון זיין תפיסה געעפֿענט, האָט מען איהם געפֿונען מעהר טויט ווי לעבעדיג...

— יענע נאַכט — האָט ער איהר דערצעהלט — האָב איך אַלע יסורים פֿון גיהנום איבערגעליטען. אַלע מתים זיינען פֿון די קברים אויפֿגע־שטאַנען און האָבען מיך אַרומגערינגעלט... שדים, לצים און רוחות האָבען פֿון מיר שטיקער געריסען ביז וואַנען איך בין געפֿאַלען אין חלשות...

און ביי זיך אין הארצען האָט ער געטראַכט, אַז דעמאָלט איז ער דאָס טאַקי געוואָרען „אוים מענש"; אַז פֿון יענע נאַכט אָן איז ער אַ פשוט׳ער גולם געוואָרען, און אויב ער איז עפּעס, איז ער חאָל דער טאַטע און אַמאָל די מאַמע. וואָרים ביז דאַן האָט ער געפֿיהלט, אַז ער איז אַ שטיקעל מענש פֿאַר זיך; אַז ער שטעהט צווישען דעם פֿאָטער און דער מוטער. ביי זיך אין הארצען פֿלעגט ער טאַקי מאַכען אַ פשרה צווישען זיי ביידען, פֿלעגט בעגרייפֿען דאָס, אין וואָס זיי גלייכען זיך אויס, און דאָס, אין וואָס זיי טהיילען זיך פֿונאַנדער. ער אַליין פֿלעגט אָבטרעטען אַ קאַפּעלע פֿון ביידענס וועגען. וואָלט ער אויף אַזאַ׳ן אופן ערצויגען געוואָרען, — וואָלט ער אַצונד געווען אַ מיטעלמעסיגער מענש; ער וואָלט געגאַנגען אויף דעם גילדערנעם וועג, צווישען דעם פֿאָטער און דער מוטער... אָבער זיין נשמה, זיין „איך" איז דאַן גאָר אין גאַנצען פֿערשוואונדען פֿון זיין קערפּער. אַ ל י י ן האָט ער שוין מעהר ג א ר נ י ש ט געקענט זיין; אָדער אין גאַנצען ווי דער פֿאָטער אָדער אין גאַנצען ווי די מוטער...

נאָר אָט די געדאַנקען האָט ער פון איהר פערהוילען —

— אַז מיר איז בעסער געוואָרען — האָט ער איהר דערצעהלט — איז שוין די מאַמע געלעגען אין בעט. זי איז שוין פון בעט מעהר ניט אויפגעשטאַנען.

— אַ שוידער איז מיר אַריבער איבער'ן לייב, ווען איך האָב זי דאַן דאָס ערשטע מאָל דערזעהן...

נאָר ער אַליין איז אויך מורא'דיג אַראָב פון פנים אין דער איינער נאַכט. די מוטער האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, בעת זי האָט איהם דער־זעהן, און זי האט אויסגעבראכען אין אַ ביטער געוויין.

די סצענע האָט געווירקט אויף זיין פאָטער און פון דעמאָלט אָן ביז'ן לעצטען טאָג, וואָס די מוטער האָט געלעבט, האָט ער זיי ניט צושיידט.

ער האָט שוין פון איהר בעט ניט אָבגעטראָטען. טאָג און נאַכט איז ער לעבען איהר געזעסען, זיינע הענד אין איהרע... און געקושט האָט זי איהם, און די האר האָט זי איהם ניט אויפגעהערט צו גרייזלען...

נאָר וויינען האָט זי שוין ניט געוויינט. דער קוואַל פון טרעהרען האָט זיך ביי איהר אויסגעטריקענט. קיין איין טרעהר אפילו האָט זיך אויף זיין שטערן ניט אַראָבגעקייקעלט.

— קענסט זיך גאָרניט פאָרשטעלען, מרים, מיין שטירמיש געמיטה, מיין צורייצט האַרץ...

און מרים האָט דאַן איהרע אויגען געעפענט, די פייכטע פערוויינטע אויגען, פול מיט אַ שטילען, טיעפען טרויער...

דאָ ענדיגט זיך דאָס בלאַט. דאָס איז דער סוף פון'ם טאָג — ווייטער געדיינקט ער ניט.

— און נאָכדעם? — פרעגט ער זיך אַליין און ציטערט דערביי פון שרעק — וואָס זשע איז דערנאָך געווען?

ווייסען ווייסט ער אויף זיכער, אַז מיט מרים'ן אויף'ן קאַנאַפע איז ער זונטאָג אָוענד געזעסען. וואָס זשע האָט פאַסירט פון דאַן אָן?

— בין איך ווירקליך ניט געזונד און איך האָב זיך דאָס פון מיין קראַנקהייט אויפגעכאַפט?

אַ שרעקליכער געדאַנק קומט איהם אַרויף אויף'ן מוח: אפשר איז ער גאָר פלוצלינג געשטאָרבען, אָדער ס'האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ער איז טויט; מען האָט איהם אַלזאָ בעגראָבען אַ לעבעדיגען און ער האָט זיך דאָס איצט אין קבר אויפגעכאַפט?

נאָך אַמאָל גיט ער אַ טאַפ די וואַנד און די בעט־געוואַנט, אויף וועלכע ער ליגט...

נאָך אַמאָל שטעלט ער אוים די אויגען און וויל עפּעס דערזעהן בּיי זיך אין צימער, עפּעס אויסער דעם העל־דונקעלן פלעק, וואָס שוועבּט אַנטקעגען איהם אין דער לופטען.

נאָר אומזיסט.

און אפשר איז ער גאָר אויף׳ן עולם הדמיון?

נאָר פֿון דער טיעפֿענעש פֿון זיין האַרצען דערהערט ער אַ מעכטיגע שטימע:

— ניין, דו לעבּסט, דו לעבּסט, נאָר אַ שרעקליך אונגליק האָט דיך געטראָפֿען, זעהר אַ גרוים אונגליק!

ער גערדיינקט, אַז אין אַזאַ לאַגע איז ער שוין איינמאָל געווען; דאַן, ווען זיין מוטער איז געשטאָרבּען...

אויך דעמאָלט איז איהם פֿון זכרון אַרוים אַ טאָג אָדער צוויי... יאָ, צוויי טעג האָט ער פֿערגעסען: דעם טאָג, ווען זי איז געשטאָרבּען, און דעם טאָג, ווען מען האָט זי מקבר געווען.

ער האָט זיך עס גאָרניט געקענט גלויבּען, אַז זיין מוטער איז טויט. אַלע סימנים פֿון טרויער האָבּען איהם אין דעם ניט איבּערציינגט. קיין איין ווינקעלע האָט ער ניט דורכגעלאָזט; איבּעראַל האָט ער געזוכט די מוטער זיינע.

נאָר אויף׳ן פֿערטען טאָג, אַז מען איז זיי געקומען מנחם אבל זיין און צווישען די געסט איז אויך דער שמש געווען, דער שמש, וועלכער איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער מטה מיט אַ פּושקע אין דער האַנד און האָט געקלאַפּט: „צדקה תציל ממות" — ערשט דאַן איז איהם דער כח פֿון זיין זכרון צוריקגעקומען. דאַן האָט זיין מוטער׳ס טויטענבּעט אַרויסגע־שוועבּט פֿאַר זיינע אויגען און ער האָט געזעהן, ווי מען טראָגט זי אויף׳ן בית עולם; דעמאָלט האָט ער איבּער אַ נייעס דערהערט דאָס געוויין און די יאָמערליכע געשרייען; דאַן האָט ער פֿאַר די אויגען ווידער אַמאָל דערזעהן דעם גאַנצען עולם פֿון אידען און אידענעס, וואָס האָבּען געזיפֿצט און פֿערצווייגען די אַקסלען און זיך גאָרניט געקענט אָבּלויבּען, וואָס פֿאַר אַ טהייערע פֿרוי זיין מוטער איז געווען...

ערשט דעמאָלט האָט ער געוואוסט, אַז די מאַמע זיינע איז טויט, און ער האָט זיך ניט געקענט טרייסטען...

יאָ, נור אַזאַ מורא׳דיגעס אונגליק פֿערטומעלט און פֿערקלאַפּט אַזוי דעם מוח.

אַ קאַלטער שוויים בּעדעקט זיין גאַנצען לייב.

„און וואָס פֿאַר אַן אונגליק האָט דאָס מיט מיר היינט געקענט טרעפֿען?"

עס קומט איהם אַרויף אַ געדאַנק, אַז עס איז ניטאָ קיין אַנדער עצה, נאָר אויפוועקען מרים׳ן פון שלאָף... זי וועט איהם שוין זאָגען וואָס מיט איהם איז...

ציטערט אָבער דער העל־דונקעלער פלעק אַנטקעגען איהם אַזוי שטאַרק, פונקט ווי ער וואָלט ביי איהם בעטען רחמים, ער זאָל די אונגליקליכע ניט שטערען פון שלאָף...

אויך פיהלט ער, אַז זיין קול איז בעהאַלטען, פערשטיקט; און אַז ער זאָל זיך אָנשטריינגען און וועלען עפּעס אַרויסריידען, קען ער נאָך מאַכען אַזעלכע שרעקליכע קולות, אַז מרים וועט בלייבען אין חלשות פון פחד.

— זאָל זי בעסער שלאָפען, דאָס פויגעלע, זאָל זי נור שלאָפען רוהיג. זאָל איהר גאָט געבען זיסע חלומות און זי זאָל אויפשטעהן פריש און געזונד... די לעצטע טעג זיינען איהרע נערווען אַזוי אָבגעשוואַכט, אַז יעדער פלעצליכער קעהר, יעדע אונערוואַרטעטע בעוועגונג דערשרעקט זי... אויך די מאַמע — —

נאָר דאָ האָט זיך פּלוצלינג ווידער אַמאָל איבערגעריסען דער פאָדים פון זיינע מחשבות. ביים טהיר, אַנטקעגען איהם, האָט זיך בעוויזען אַ געשטאַלט.

אין דעם דיקען חשך האָט אָבגעשיינט פאַר זיינע אויגען די טהיר. דאָרט איז מיט אַמאָל ליכטיג געוואָרען. און אין דער טהיר האָט ער די געשטאַלט דערזעהן...

ער וויל אָבקעהרען די אויגען פון איהר, קען ער ניט. די געשטאַלט ציהט זיי צו זיך מיט אַן אונגעהייערע קראַפט... און ער דערקענט זי, די געשטאַלט: אין גאַנצען זיין פאָטער׳ס בילד, כאָטש אַביסעל צו יונג פאַר איהם...

דער פאָטער שרייט פון טיפען האַרצען. מאויס׳דיגע קולות מאַכט ער, נאָר די צונג איז איהם ווי צוגעוואַקסען — קיין וואָרט הערט מען פון איהם ניט.

— ניין, ניין, דאָס איז ניט דער טאַטע... דאָס בין איך, איך אַליין, — מאַכט ער ביי זיך אָב. נאָר די געשטאַלט, וועלכע שטעהט און ריהרט זיך ניט פון אָרט, בעוויזט זיך אַלץ שאַרפער און קלעהרער און קומט אַלץ בעהנטער צו איהם.

— צי היינגט ניט אַקאָרשט אַ שפּיעגעל אַנטקעגען מיר?

ליגט ער דאָך אָבער, און די געשטאַלט שטעהט.

שרעקליך זעהט זי אויס, די געשטאַלט; דאָס בלוט ווערט איהם

פֿערגליווערט קוקענדיג אויף איהר... מיט פֿעראַכטונג, מיט שפּאָט קוקט זי אויף איהם און די בליקען איהרע שטעכען דורך זיין גאַנצען קערפּער ווי קאַלטע שפּיזען.

— שוועכלינג, פֿייגלינג, אידענע וואָס דו ביסט! — האָט די געשטאַלט מיט אַמאָל אַ געשריי געטהאָן און איז פֿערשוואונדען.

פֿינקעלמאַן איז פּלוצלינג אַראָב פֿון בעט און איז איהר נאָכגעלאָפֿען.

אַ נאַקעטער, אַ באָרוועסער איז ער אַריינגעלאָפֿען אין צווייטען צימער. נאָר די געשטאַלט איז ניט געווען צו זעהן; זי האָט זיך ערגעץ פֿערשטעקט, און ער שטעהט אַזוי אין דער פֿינסטער און ציטערט פֿון קעלט און שרעק.

אין עטליכע מינוט אַרום איז דער שנור פֿון זיינע געדאַנקען ווידער אַמאָל איבערגעריסען געוואָרען. די געשטאַלט איז איהם אַרויס פֿון זינען. אַ צוטומעלטער, אַ צומישטער שטעהט ער אַזוי און ווייסט ניט וואו ער געפֿינט זיך דאָס אין מיטען נאַכט. ווארום שטעהט ער עפּעס אַ באָרוועסער אויף דער קאַלטער פּאָדלאָגע? וואָס איז מיט איהם געשעהן?

כדי אויסצוגעפֿינען וואו ער איז ערגעץ אין דער וועלט, טאַפּט ער אין דער פֿינסטער און ער קריכט אַזוי ביסלעכווייז צו צו דער קאַנאַפּע, וואו זי איז זונטאָג געלעגען אַ גע'חליש'טע. דאָ, אויף דער קאַנאַפּע, האָט ער דאָך איהר דערצעהלט אַלעס וועגען זיין מוטער, וועגען זיין פֿאָטער...

אָהן כוחות פֿאַלט ער אַנידער אויף דער קאַנאַפּע מיט צוגעמאַכטע אויגען, אָבער שלאָפֿען שלאָפֿט ער ניט. זיין האַרץ איז פֿול מיט שרעק און זיין מוח — ליידיג, פּוסט, אָהן אַ ברעקעל געדאַנק, פּונקט ווי אַ נעסט אָהן פֿויגעלאַך.

נאָר דער קאָפּ איז איהם זעהר שווער און אין מוח פֿיהלט ער אַ מאָדנעם רעש, אַ ציטערניש און אַ היץ. דערנאָך ווייזט זיך איהם אויס, אַז ער הערט עפּעס אַ געברעכעריי אין זיין מוח, אָקוראַט ווי מען וואָלט דאָרט שפּאַלטען שפּענער אָדער ברעכען שטיקלאַך גלאָז...

צי איז דאָס ניט אַקאָרשט דער אָבקלאַנג פֿון דער גלעזערנער כלי, וואָס די דיענסט האָט צובראָכען?

ער פֿיהלט, אַז די כוחות געהען איהם אויס, און דער שרעק זיינער ווערט וואָס וויימער אַלץ גרעסער.

— ניטאָ קיין אַנדער עצה, נאָר רופֿען מרים'ן, — טראַכט ער איצט. וואָלט זי נור געוואוסט וואָס מיט איהם איז און וואו ער געפֿינט זיך, וואָלט זי שוין געקומען צולויפֿען צו איהם. ווארים אויב זי האָט איהם אפילו ניט ליעב, איז זי דאָך אָבער אַ גוטע, אַ טהייערע נשמה; רחמנות וואָלט זי דאָך אויף איהם געהאַט...

און דאָס ווייסט ער אויף זיכער, אַז ווי מרים וואָלט זיך נור געצייגט פאַר איהם, ווי זי וואָלט נאָר אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויף זיינע האָר, ווי זי וואָלט נור איין וואָרט צו איהם אויסגערעדט, איין איינציגען בליק ווען זי גיט נור אויף איהם — וואָלט איהם גלייך בעסער געוואָרען.

יאָ, אַ קראַנקער, אַ שווערער חולה איז ער, און נור זי קען זיין דאָקטאָר זיין.

מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ לייכטע בעוועגונג. אַ ציטערניש פון האָפנונג און פרייד האָט דורכגענומען אַלע זיינע אברים... ער האָפט, אַז מרים האָט דערהערט זיינע זיפצען און האָט זיך אויפגעכאַפּט... ער שטעלט אָן די אויערן און הערט זיך צו; און עס דוכט זיך איהם אויס, אַז ער הערט ווי זי געהט אַרונטער פון בעט. אָט טהוט זי זיך אָן, אָט הערט ער שוין איהרע טריט. באַלד וועט זי זיך ווייזען ביי דער טהיר, באַלד וועט אַריבערגעהן דער ביטערער, פינסטערער כישוף פון איהם און עס וועט איהם ליכטיג ווערן אין די אויגען.

נאָר עס געהען פערביי עטליכע מינוט און מרים איז אַלץ ניטאָ. דער לייכטער געפילדער קומט אַלץ נעהנטער און נעהנטער צו איהם, נאָר ביים טהיר האָט זיך בעוויזען אַן אַנדער געשטאַלט... דאָרט שטעהט אַ מאַן אין מיטעלע יאָהרען מיט אַ לאַנגער, שוואַרצער באָרד. די קליינע אויגען זיינע לויפען אַרום אַהין און אַהער און מיט דער רעכטער האַנד גלעט ער זיך די וואָנציעס... ווער איז ער?

אין דער געשטאַלט קוקט ער זיך איין אָהן מורא. און ער האָט זי גלייך דערקענט. דאָס איז דאָך דוד דער שדכן! און דוד געהט צו נעהנטער צו איהם און אויף זיין געזיכט ליגט אַ לייכטער שמייכעל... אָט איז ער לעבען איהם. קיין גוטען אָווענד זאָגט ער ניט, ער בעט אפילו קיין ער־לויבעניש ניט און זעצט זיך אַנידער ביי איהם צופוסען אויף דער קאַנאַפּע. און ער דערצעהלט איהם, אַז דער שידוך איז אַן אויסגעצייכענטער, אַז זיין „כלה" מרים איז אַן עהרליך, גוט מיידעל, אַן אמת'ער מלאך...

אַ בריה איז זי, אַן אשת חיל, און פראַנצויזיש רעדט זי און דייטש קען זי שרייבען. ער פערגינט זי איהם גאָרנישט... עס פערדריסט איהם, וואָס אַזאַ קאַרגער, דער זוהן פון אַ קאַרגען זאָל האָבען אַזאַ גוטע פרוי ווי מרים איז... ער האָט זעהר מורא, זי זאָל חלילה ניט האָבען אַזאַ סוף ווי זיין מאַמע, עליה השלום...

— אָט דאָס הייסט אַביסעל אַ שוטה! — טראַכט זיך פינקעלמאַן ביי זיך. מרים איז שוין זיין ווייב אַזוי לאַנג, און ער קומט איהם גאָר ריידען דעם שידוך!...

— וואס זשע! איהר האט זיך אפנים אנגע׳שכור׳ט? — פרעגט ער אויף׳ן קול, און די געשטאלט ווערט פערשוואונדען פון זיינע אויגען.

מיט אמאל דערמאנט זיך פינקעלמאן, אז דאס איז שוין די צווייטע געשטאלט, וואס פערשווינדט פון איהם דא אין שטוב. און עס בלייבט ביי איהם, זי אויפצוזוכען. קיין ליכט האט ער ניט ביי דער האנד, טאפט ער אין דער פינסטער... אויף׳ן וועג שטעהען ביינקלאך און אנדערע זאכען, און ער קעהרט זיי איבער און שטופט זיי אוועק, נאר דעם רעש וואס זיי מאכען הערט ער ניט.

אויף׳ן טיש, וואו ער איז איצט צוגעגאנגען, שטעהען שוועבעלאך און איבער זיי בלישטשעט עפעס א דונקעלע פארב, נאר ער זעהט גארניט; ער געהט פערביי דעם טיש. מיט אמאל בויגט ער איין דעם קאפ צו דער ערד און קוקט זיך אום אהין און אהער ביז וואנען ער פערגעסט וואס ער זוכט...

און דער טומעל געהט איהם פון די אויערן ניט ארויס; דאס הארץ צוגעהט איהם איצט דערפון.

וואונדערבאר איז דער טומעל, פונקט ווי אימיצער וואלט צו איהם גערעדט פון דער ווייטען. קיין איינציגע ווערטער קען ער ניט פערשטעהן, נאר א שטימע, וואס רעדט, הערט ער.

און די שטימע קומט אלץ נעהנטער און נעהנטער צו איהם; לאנגזאם געהט זי. באלד, באלד וועט ער אלעס הערען קלאהר און דייטליך און וועט אלעס פערשטעהן.

יא, ער הערט שוין גאנצע דבורים, ער קען שוין כאפען עטליכע ווערטער.

א מאן קומט אלץ נעהנטער צו איהם; וועגען דעם יצר הרע רעדט ער... וועגען דעם יצר טוב... וועגען די מלאכים, וואס בעלייטען דעם מענ׳שען אויף יענער וועלט...

— וואס איז דאס? — ווערט ער א פערציטערטער. אט די ווערטער הערט ער דאך שוין א צווייטען מאל; איין מאל האט ער זיי דאך שוין געהערט בייטאג... וואו? ווען?

אבער דער טאג איז איהם פון זינען ארויס, און אן אנדער בילד בעוויזט זיך פאר זיינע אויגען. אויך א מערקווירדיג בילד, אויך דאס האט ער שוין ערגעץ וואו געזעהן.

ער קוקט זיך איין — און ארום איהם שטעהען א גאנצע מאסע פון מענער, כמעט אלע איינוואוינער פון שטאדט... גרויסע און קליינע סוחרים, פראצענטניקעס און זייערע אפפער... גבירים און קבצנים, זקנים און

יונגע לייט... און אַלע קוקען אויף איהם מיט רחמנות... ביי אַלעמען אין די אויגען שטעהען טרעהרען...

וואָס איז דאָס?

אויף איהם האָט מען רחמנות? פאַרוואָס? פאַר ווען?

און דאַרט ניט ווייט שטעהט אַן אייזערנע בימה. אויף דער בימה שטעהט דער רב פון שטאָדט... ער זעהט איהם אויג אויף אויג; ניטאָ וואָס צו ריידען, דאָס איז ער... דאָס היטעל געהט ער אָן אַ זייט, רעכטס, ווי זיין שטייגער איז. אויך דער רב וויינט... דער רב רעדט עס!

אָבער אָט דאָס אַלעס זעהט ער דאָך שוין אַ צווייטען מאָל... ער האָט דאָך דעם רב געהערט ריידען מכח דעם יצר טוב מיט'ן יצר הרע, מכח די מלאכים, וואָס בעלייטען דעם מענשען אויף'ן עולם האמת... אַ „הספד" הערט ער דאָך דאָס!

ווענען האָט דאָס דער רב היינט מספיד געווען?

ווער איז דאָס געשטאָרבען?

קען דאָס געמאָלט זיין, אַז אַ נכבד פון שטאָדט זאָל שטאַרבען און ער זאָל זיין נאָמען ניט געדיינקען?

נאָר אין מיטען פערשווינדט דאָס בילד אין גאַנצען און זיינע געדאַנקען געהען ווידער אַראָב פון וועג...

ניין, עס געשיקט זיך גאָרניט; דאָס איז ניט דעם רב'ס קול. ער מוז אַ טעות האָבען... אמת, אַז דער אַלטער רב האָט אַ דין שטימעלע ווי דער קלאַנג פון אַ זילבערן גלעקעל; אָבער דער קול, וואָס רעדט איצט, איז נאָך נידעריגער, נאָך זיסער איידער דעם רב'ס קול... דאָס מוז אָהן אַ שום ספק זיין די שטימע פון זיין מוטער.

און זיך דערמאָנענדיג אָן דער מוטער, בעווייזט זיך פאַר איהם אַ ניי בילד.

זיין מאַמע'ס בעט שטעהט איהם פאַר די אויגען, דאָס בעט, פון וואַנען זי איז שוין ניט אויפגעשטאַנען. אין שטוב איז האַלב־דונקעל; ס'איז שפעט נאָכמיטאָג... דער מאַמעס אויגען בלישטשען און ברענען ווי די ליכטלאַך... די באַקען רויט און איינגעצייגען און די ליפען וויים... ער זיצט ביי איהר צוקאָפּענס און זי גרייזעלט די האָר פון זיין קאָפּ מיט איהר מאָגערע אויסגעדאַרטע האַנד.

מיט אַ זיסער האַרפענ־שטימע, דורכגעווייקט מיט טרעהרען, דער־צעהלט זי איהם מכח דעם יצר הרע און דעם יצר טוב... וועגען די מלאכים פון גאָט און וועגען די נשמות... געלד—זאָגט זיין מוטער—דאָס איז אַ מין כישוף, אַ בלענדעניש, אַ טייוועלשע זאַך. געלד, דאָס איז די שלאַנג,

דער יצר הרע . . . געלד, מיין קינד, דאָס איז דאָס בלוט פֿון אָרעמע לייט . . .

ער הערט און פֿון די אויגען גיסען זיך די טרעהרען.

אָבער מערקווירדיג! פֿיהלען פֿיהלט ער, דוכט זיך, אַז די אויגען וויינען, אָבער די טרעהרען רינען ניט אַרויס אויף דרויסען, נאָר זיי גיסען זיך אַראָב פֿון די אויגען גלייך אין הארץ אַריין און דאָרט ברענען זיי און שרפה'ן ווי פֿייער . . .

נאָר פּלוצלינג — פּלוצלינג זיינען עפּעס פֿרעמדע מענשען אַריינגע־קומען אין שטוב אַריין . . . זיין מוטער'ס בעט האָט זיך אָנגעהויבען שאָקלען און דערוויטערן פֿון איהם, און מיט אַמאָל האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז ניט די מאַמע, נאָר מרים איז גאָר אין בעט . . .

די האָר פֿון קאָפּ שטעלען זיך איהם קאַפּויר פֿון שרעק — נאָך ווידער אַמאָל ווערן זייגע געדאַנקען איבערגעריסען און נייע מחשבות שפּאַרען זיך צו איהם אין מוח.

— אמת, אַ גוט יאָהר געווען . . . יאָ, אַ גוט יאָהר. ווען ניט מרים, וואָלט איך געמאַכט אַסך געלד. וויפֿיעל תבואה האָב איך דאָס אויפֿגע־קויפֿט פֿון פּריצים, פֿון סוחרים און אייך סתם פֿון מעקלאַרעס! אַלע האָבען צו מיר געמוזט אָנקומען. נאָר זי הערט ניט אויף פֿאַר זיי צו בעטען. אַז עס פֿאַלט דער מקח, בעצאָהל איך און קויף, און אַז ער שטייגט, לאָזט זי ניט רייסען די הויט, בעט זי פֿאַר אַלעמען.

— בין איך דען ניט קיין שוועבלינג, קיין פֿיגלינג, קיין אידענע?

דאָך טהוט ער אַלעס, וואָס זי פֿערלאַנגט, קיין זאַך ווערט איהר ניט ענטזאָגט.

אָבער עס ווילט זיך איהם וויסען וויפֿיעל ער פֿערליערט צוליעב איהר.

— לאָמיך נאָר מאַכען אַ חשבון.

און דער חשבון איז זעהר אַ גרויסער. ער רעכענט צונויף טויזענד מיט טויזענד . . . שוין פֿינף טויזענד, נאָך עטליכע הונדערט . . . נאָך פֿינף און פֿערציג פֿון דעם אַלטען יאָקיל, וואָס האָט אַ קראַנקע פֿ־וי, און נאָך און נאָך . . . נאָך אַסך, אַסך הונדערטער . . .

ער ווערט מיעד רעכענענדיג; ער וויל אויפֿהערן, נאָר דער חשבון מאַכט זיך פֿון זיך אַליין, אָהן זיין ווילען; ער דאַרף גאָר דערצו ניט העלפֿען אפילו.

ער האָט שוין אויפֿגעהערט זוכען די ציפֿערן, ער געדיינקט זיי שוין גאָרניט. קומען זיי אָבער פֿון זיך אַליין; איידער מען דאַרף זיי, זיינען

זיי שוין דאָ. און זיי קומען און שטעלען זיך אַליין אויס אין שורות איינער אונטערן אַנדערן מיט אַ סדר, מיט אַ טאָלק...

אין זיין ליידיגען מוח, פּיהלט ער, שטעהט אַ ווייסע ברעט, און די שוואַרצע ציפערן קומען צו לויפען פון נאָהענט און פון ווייט; זיי שפּאַרען זיך, זיי שטופּען זיך, מיט טומעל קומען זיי אָן; זיי האָבען קיין צייט ניט... ער ווייסט ניט, צי זיי קומען אַליין פון זיך, אָדער אַ פערבאָרגענע האַנד ברייננט זיי צו שלעפּען. נאָר וואָס איז די נפקא מינה? אַבי זיי זיינען דאָ און זיי שטעלען זיך אויס אויף דער ברעט כסדר: איינצעלנע אונטער איינצעלנע, צעהנער אונטער צעהנער, און אַזוי די הונדערטער און די טויזענדער... וואָס ווייטער ווערן די ציפערן אַלץ מעהר. צי וועלען זיי זיך אַלע אויסשטעלען אויף דער ברעט? נאָר אָט ווערט די ברעט אויך גרעסער און גרעסער, העכער און העכער... די שורות ווערן אַלץ מעהר און קיין פאַס צו מאַכען דעם טאָטאַל, דעם סך הכל איז נאָך ניטאָ...

נאָר מיט אַמאָל ווערן די ציפערן פערוואַנדעלט אין אַסיגנאַציעס, אין פּאַפּירלאַך פון אַלערליי פאַרבען... און פון דער ברעט איז אַ קאַסטען געוואָרען, אַן אָפענער קאַסע-קאַסטען. פון אַלע זייטען פליהען די אַסיגנאַציעס ווי פויגעלאַך אין מוח אַריין, און אַ פערבאָרגענע האַנד לייגט זיי אַריין אין קאַסטען... עס ווערט פול, ס׳איז שוין קיין פלאַץ ניטאָ, נאָר די האַנד דריקט אַראָב די בילעטען, און דער מוח האַלט ביים צופּלאַצט ווערן...

און וואָס ווייטער ווערט אַלץ איינגער אין מוח, נאָר ער קען זיך בשום אופן ניט מאַכען קיין האַרץ און אַרויסוואַרפען די אַסיגנאַציעס פון קאַסטען מיט געוואַלד.

און זיי פליהען און פליהען, די בילעטען. צוערשט האָבען זיי פערשיעדענע קולירען. נאָר ביסלאַכווייז ווערן זיי אַלע רויט — פיעל פון זיי טריפען מיט בלוט... אויף אַסך איז אויסגעמאָלט דאָס בילד פון אַ טייוועל מיט לאַנגע, שאַרפע נעגעל...

פון ווייטען בעוויזט זיך ווידער אַמאָל די געשטאַלט פון זיין פאָטער.

נעהם, מיין זוהן, נעהם! — שרייט די געשטאַלט — נעהם... קלייב צונויף!

אָבער ווי שרעקליך זיין פאָטער זעהט אויס! די תכריכים זיינען צופליקט און צוריסען. פון אונטער די לעכער זעהט זיך אַרויס דאָס צופוילטע לייב פון׳ם בר־מנין און די צוקראָכענע ביינער, ווייס ווי קאַלך...

דער גאַנצער קערפּער איז אַרומגענומען מיט ווערים און שלאַנגען, וועלכע פֿרעסען און פֿרעסען און ווערן ניט זאַט...

— האָב קיין מורא ניט, מיין זוהן, האָב קיין מורא ניט. נעהם צונויף; נעהם צונויף!...

— ניין, ניין, איך נעהם ניט! — האָט פֿינקעלמאַן מיט אַ שרעקליכען קול אויסגעשריען און איז אַנידערגעפֿאַלען אָהן כוחות אויף דער ערד.

פֿון דעם פֿאַל האָבען זיך די משרתים אויפֿגעכאַפּט . . . . .

. . . .

אַז דער הערר פֿינקעלמאַן איז שפּעטער אַ ווײלע צו זיך געקומען, איז ער שוין געלעגען אויף זיין בעט. לעבען איהם איז געשטאַנען אַ לאָמפּ און אין שטוב איז געווען ליכטיג.

דאָס צימער איז פֿול מיט טרויער. אַלע שפּיגלען אויף די וואַנד זיינען בעהאַנגען מיט שוואַרצע טיכער. ביי דער קאַנאַפּע, אויף דער ערד, שטעהט אַ קליין ביינקעלע פֿאַר אַן אבל.

און לעבען איהם — מרים׳ס ליידיג בעט.

ביי די זשאבעס אין דער לוזשע.

(געדאַנקען פֿון אַ פעסימיסט.)

אַ מיאוס׳ע זאַך, אַן אַקט איז אָבגעטהאָן געוואָרען אין מיטען גאַס. האָט זיך אַרויסגעכאַפּט איינער פון די צוזעהער און האָט אַ געשריי געטהאָן: סקאַנדאַל!

דערהערט עס דער סקאַנדאַליסט און שרייט אויך: סקאַנדאַל, סקאַנדאַל!

און שרייענדיג האָט ער זיך אויסגעמישט צווישען עולם און איז אַנטרונען געוואָרען...

געהט פאַרביי אַן איידעל־געפּאַטשקעטער און מאַכט אַ קרומען פּנים:

— אונציוויליזירטע מענשען! — זאָגט ער — זיי שרייען סקאַנדאַל אין מיטען גאַס!

ניט דער פ אַ ק ט גופא פערדריסט איהם, נאָר דער נ אָ מ ע ן; ניט זיין ז ע ע ל ע ווערט אויפגעקאָכט, נאָר אין די א ו י ע ר ן שטעכט איהם...

און ס׳איז דאָ אויך פאַרהאַן אַביסעל פון יענע שנאת חנם, די אומזיסטע טענה, וואָס דער מנוול האָט צום שפּיגעל...

אַ קליינע לוזשקע און עטליכע מינים זשאַבעס האַלטען זיך אויף אין איהר.

און צייטענווייז האָב איך ליעב צו הערען ווי זיי קוואַקען, די זשאַבעס; כ׳האָב ליעב צו הערען די מוזיק פון דער לוזשע.

דוכט זיך עטליכע ווערטער: „קוואַ" און „קוואַ" און נאָך אַמאָל „קוואַ". און דו מיינסט, אַז „קוואַ" אויף זשאַבע־לשון איז ניט מעהר ווי וואַסער?

לייג אַקאָרשט צו דעם אויער, אין דערפריה אָדער פאַרנאַכט, וועסט דו הערען: אין וויפיעל ערליי ניואַנסען, אויף וויפיעל אופנים, אין וויפיעל פערשיעדענע מעלאָדיען זיי קוואַקען אַרוים זייער „קוואַ"!

פֿאַרהאַן אַ „קוואַ", וואָס דער פּירוש דערפֿון איז „פּלעבּיסצים", פֿאָלקס־בעשלוס, און אַמאָל קלינגט עס ווי די „מאַרסעליעזע"; און אַז מען נעהמט אָן אַ פֿערשייטען טאָן, רחמנא ליצלן, ווערט גאָר דערפֿון אַ: „מאַרגעריטע, פֿאַרוואָס האָסט דו אַזאַ שטיינערן האַרץ?"

און — „מיין ליעבּכען, וואָס ווילסט דו נאָך מעהר?"

יאָ, כ'האָב ליעב די מוזיק פֿון די זשאַבעס, דאָס געבּעט פֿון דער לוזשע.

און פֿאַר נאַכט, אַז די שטאָדט ווערט מיר נמאס ומאוס; אַז דער ריח פֿון איהרע עקעלהאַפֿטע בשמים, אויסגעמישט מיט שוויים, קריכט מיר שוין פֿון האַלז; אַז די אויערן מיינע שומען פֿון'ם מישמאַש פֿון קולות און געוואַלדען, פֿון'ם רעש פֿון די פֿערד און וועגען, אויסגעמישט מיט דער כאָרכלעריי פֿון מענשען וואָס גוסס'ען און הערצער וואָס ווערן צושפּרונגען ווי שערבּלאַך אונטער די פֿיס; אַז מיינע אויגען הויבען מיר אָן וועה טהאָן פֿון די עזות'דיגע, צו שטאַרקע פֿאַרבען, און דעם גלאַנץ פֿון אויגען, וואָס קריכען אַרויס פֿאַר זשעדנעקייט, — דאַן פֿערלאָז איך די שטאָדט און אַנטלויף צו דער לוזשע.

שעהן זיינען זיי, די זשאַבעס! אַ גרין־גלאַנציגע, גלאַטע סאַמעטענע הויט...

און אַ פּאָר גוטע מעלות האָבען זיי:

יעדען חודש בּייט זיך בּיי זיי די הויט און זיי זיינען יוצא דערמיט אָנשטאָט אַ פֿריש, וויים העמד; און דער עיקר:

אַז עס מאַכט זיך עפּעס אַן עולה, אַ מיאוס'ע זאַך אין דער לוזשע, שרייען זיי חם ושלום ניט „סקאַנדאַל", נאָר זיי לאָזען אַרויס די אונטערשטע ברעמען ווייערע, און די ברעמען ציהען זיך אויס און בעדעקען דאָס גאַנצע אויג: מיר האָבען גאָרנישט געזעהן...

און אַ בעקאַנטע האָב איך אין דער לוזשע, איז זי קלוג ווי דער טאָג.

„קהלת" האָט געזאָגט: „הכל הבל", אַלץ איז נאַרישקייט, און זי זאָגט: אַלץ איז לוזשע!

און אַז ס'גלויבּט זיך דיר ניט, שווערט זי דיר בּיי דער הייליגקייט פֿון אַ „פּעליטאָן", אַז אַלץ איז לוזשע און אַז אַלע לעבען אין זומפּ...

— און די פֿיש?

— לעבען אין מוטנע וואַסער... אַביסעל בּלאָטע ווייניגער אָדער מעהר... כ'האָב דאָרט אויך מחותנים.

— און די פֿויגעלאַך?

— לעבען אין דער לופט. און וואָס איז אַזוינס לופט? לופט און וואַסער זיינען מחותנים! געה אין מרחץ אַריין און גיס אויס אַביסעל וואַסער אויף די שטיינער, וועט אַרויס אַ פּאַרע. שטעל אַוועק אַ שיסעל וואַסער ביים פענסטער, ווערט דאָס וואַסער פערפרוירען און מישט זיך אויס אין דער לופט. קיהל אָב די לופט, האָסט דו טראָפּענס וואַסער. די היינטיגע בעמיקער „צופליסען" די לופט.

— און די „סלמנדרא",*) וואָס לעבט גאָר אין פייער?

די זשאַבע איז אויף אַ ווײַלע געבליבען צוטומעלט, נאָר זי איז באַלד געקומען צו זיך:

— ראשית, איז פּיליכט איהר נאַטור אַזוי; שנית, אפשר פּאַסט איהר אַזוי, והשלישית — איז די גאַנצע „סלמנדרא" ניט מעהר ווי אַ לעגענדע!

קאַטערינקעס ווערן פערבייגעפיהרט אין די גאַסען, און פערשיעדענע ניגונים ליגען דאָרט, פון „מאַרגעריטע" ביז דער ציוניסטישער „מאַרסאַליעזע": „עוד לא אבדה תקותנו"...

אין יעדען שפּיעל-קעסטעל איז פאַרהאַן אַ שפּאַלט אַזוי גרויס ווי אַ קופּערנע, פינף-קאָפּעקענע מטבע.

און אַז עס געהט פערביי אימיצער, רוימט ער איין דעם קאַטערינטשיק אַ סוד אין אויער און וואַרפט אַריין די מטבע אין קעסטעל...

דערהערט זיך דער אָבקלאַנג פון דער מטבע, און דער קאַטערינטשיק דרעהט אַריבער איין ניגון נאָך'ן אַנדערן, און ס'קעסטעל שפּיעלט...

— זשאַבע! — מאַך איך צו דער, וואָס שפּרינגט אַרום לעבען מיר אויף'ן גראָז — אַז דו ווילסט, וועל איך דיר דערצעהלען אַ מעשה'לע!

— דערצעהל, און אַז ס'וועט מיר געפעלען און וועט זיין צוגענגליך פאַר'ן עולם, וועל איך עס אָבדרוקען אין'ם „בעל עצה" פון דער לוזשע...

— אָבער דאָס מעשה'לע שמעקט מיט קבלה, מיט סימבאָליקע...

— שאַדט ניט! וועלען מיר דערנאָך אָבדרוקען אַ פראָטעסט געגען די סודות, דאָס פערבאָרגענע. און דערנאָך וועט קומען אַ פראָטעסט געגען פראָטעסט מיט אַ גענויע ערקלעהרונג. דערצעהל!

---

*) „סלמנדרא" אָדער „סאַלמאַנדער" איז אַזאַ מין חיה'לע, וואָס האַלט זיך אויף אין פייכטע ערטער. אַמאָל האָט מען געגלויבט, אַז עס לעבט נור אין פייער, און דער-פאַר ווערט מיט דעם דאָזיגען וואָרט עד היום בעצייכענט איינער, וואָס געהט אין פייער, וואָס קען אויסהאַלטען די שטאַרקסטע היץ...

(דער איבערזעצער.)

— געווען אַמאָל אַ מיידעל מיט אַ מום.

— וואָס עפּעס דוקא אַ מום?

— אַ מאָדנעם מום, אַ זעלטענעם פֿעהלער האָט זי געהאַט! פּונקט דער היפוך ווי די אייגענשאַפֿט פֿון דער זשאַבע: די אונטערשטע ברעמען פֿון איהרע אויגען האָבען זיך גאָרנישט געקענט צונויפֿציהען.

— נו בכן?

— ... האָט דאָס מיידעל בשום אופן ניט געקענט קוקען אַראָב, נאָר אַרויף. די אויגען האָט זי תמיד אין דער הויך געהאַלטען.

— פלאי פלאים! אין דער לוזשע האָט נאָך קיינמאָל ניט פּאַסירט אַזאַ זאַך.

— אפילו אויסערהאַלב דער לוזשע איז דאָס אויך ניט אַזאַ אָפֿטע זאַך... און שווער איז געווען אויסצולערנען דעם מיידעל געהן, מחמת זי האָט קיין זאַך ניט געזעהן אויף דער ערד און זי פֿלעגט זיך אָנשלאָגען און פֿאַלען אויף יעדען שריט און טריט.

— און דער נמשל?

— וועט קומען נאָך׳ן פּראַטעסט... און דערנאָך, אַז זי האָט זיך שוין ווי עס איז אויסגעלערענט געהן, פֿלעגט זי זיך שאָקלען גאָר שלא כדרך הטבע; וואָרים געגאַנגען איז זי ניט נאָך דער ראיה, נאָך דער זיכט פֿון איהרע אויגען, נאָר נאָך׳ן זכרון נאָך, ווי מען האָט איהר געלערענט...

— דאָס געשיקט זיך!

נאָר ערגער דערפֿון איז געווען, וואָס אַז זי איז נור אַביסעל גרעסער געוואָרען, האָט זי אויפֿגעהערט זעהן די קלענערע ברידער און שוועסטער איהרע.

— און זי האָט עפּעס געהאַט אַסך ברידער און שוועסטער?

— כ׳ווייס ניט... און אַז זי איז נאָך עלטער געוואָרען, האָט זי שוין די עלטערע פֿון איהר אויך ניט געזעהן, אוון דערנאָך זיינען אויך טאַטע־מאַמע פֿערשוואונדען פֿון איהרע אויגען...

— סקאַנדאַל!

— אַזוי האָבען אויך די עלטערן און די קרובים איהרע געזאָגט, מחמת זיי האָבען זיך געטראַכט: אַ גאוה׳ניצע, אַ שטאָלצע איז זי, זי וויל אונז ניט זעהן...

— און וואָס האָבען זיי איהר געטהאָן?

— דערצאָרנט האָבען זיי איהר, מחמת זיי האָבען ניט געוואוסט, אַז זי האָט אַ פֿעהלער, אַז איהר ווילען האָט קיין שום שליטה ניט איבער איהר אונטערשטע ברעם... נאָר דערנאָך זיינען זיי אויף אַ המצאה געפֿאַלען:

האָבען גענומען דאָס מיידעל און זי אַריינגעגעבען אין שולע, ווייל זיי האָבען זיך געטראַכט ביי זיך, אפשר וועט זי ווערען דעם לעהרער זעהן; ער זיצט דאָך אויבען־אָן אויף דער קאַטהעדרע!

— און זי האָט איהם געזעהן?

— עטליכע טעג נור. דערנאָך איז ער אויך פערשוואונדען פון איהרע אויגען. איז ער אין כעס געוואָרען, דער לעהרער, און האָט איהר אויך אויסגערופען מיט אַלע נעמען: „גרויס־האַלטערקע, שטאָלצע, מרשעת" — און ער האָט זי אַרויסגעטריבען פון שולע מיט אַ צעטעל, מען זאָל זיך היטען פאַר איהר ווי פאַר אַ בייזען הונד...

— און זי איז מן הסתם אַוועק צוריק אַהיים?

— ניין. וואָרים זי האָט זיך געטראַכט: „נאָך וואָס טויג מיר צוריקגעהן, אַז איך בין דאָרט עלענד און איינזאַם? איך זעה דאָך גאָרנישט." און זי איז אַרוים פון שטאָדט... און אויסער דער שטאָדט פליהען אַרום פויגעל, האָט זיי דאָס מיידעל דערזעהן און זיך געבעטען ביי זיי: „האָט מיך ליעב!" ווייל נאָך ליעבע האָט זי געביינקט, די עלענדע. און זי האָט זיי דערצעהלט, אַז זי זעהט ניט וואָס אונטען טהוט זיך, אַז זי זעהט נור אַלץ וואָס אויבען איז, און אויבען — לעבען נור פויגעל. אָבער די פויגעל האָבען קיין צייט ניט געהאַט זיך אַריינצולאָזען מיט איהר אין אַ לאַנגען שמועס, האָבען זיי זי בעדויערט אַ ווײַלע און זיינען אַוועקגעפלויגען אין די נעסטען, צו זייערע פויגעלאַך...

— און דאָס מיידעל איז ווידער אַמאָל געבליבען פערלאָזען?

— הויך, צום הימעל צו, איז געפלויגען אַן אָדלער —

— און אויך ער האָט זיך געלאָזט צו זיך אין נעסט אַריין?

— ניין! דער אָדלער איז אויך געוועזען איינזאַם און עלענד! האָט ער אַרומגעפלאַטערט איבער איהר קאָפּ און האָט איהר געטרייסט... ער האָט איהר דערצעהלט, אַז ער איז אויך איינזאַם, אַז ער וואוינט אויף אַ שפּיץ פון אַ הויכען פעלז, און פון דאָרט זעהט ער די אַלע, וואָס געהען אַרום אויף צוויי ווי אויף פיער פים; ווי מילבען זעהען זיי אוים אין זיינע אויגען... און אַז זי וויל, וועט ער זי אַרויפנעהמען צו זיך אין נעסט, צום הימעל צו —

— און זי איז מרוצה געוואָרען?

— יאָ. און זי איז אַרויף מיט איהם — —

— און זיי ליעבען זיך מן הסתם, און אַנטלויפען ניט און פערשווינדען ניט איינער פון צווייטענס אויגען, און זיי פיהרען אַ זים לעבען, אויף אַלע גוטע פריינד געזאָגט געוואָרען?

— טאַקע ניט געטראָפֿען... כל זמן דער אָדלער פֿליהט איבער איהר קאָפּ, זעהט זי איהם און האָט איהם ליעב, נאָר אויך דער אָדלער קען ניט תמיד פֿליהען אין דער הויך —

— אויך ער מוז האָבען פרנסה? און פרנסה איז ניטאָ אויף'ן הימעל?

— יאָ, און זיי פֿיהרען אַ קלעגליך, צרה'דיג לעבען — — —

נאָר דעם סוף פֿון דער מעשה'לע האָב איך ניט דערצעהלט, מחמת די זשאַבע האָט זיך געאיילט צוריק אַהיים, אין איהר לוזשע אַריין: עפּעס אַ מצוה־קאָנצערט האָט זי דאָרט געהאַט... און איך בין אַוועק אַהיים זיך צולייגען אַ ווײַלע שלאָפֿען.

אין צייט־וואגען.

(געדאַנקען פון אַ פעסימיסט.)

... און איך ווארף זיך אַרום אין בעט; אַ געדאַנק מוטשעט און לאָזט נים שלאָפֿען. און אַז איך דרעמעל שוין אפילו איין, לאָזט ער מיך אויך נים צורוה, דער געדאַנק. ער פלאָנטערט זיך מיר אין מיינע חלומות...

„מיר לעבען אין צ י י ט און אָ ר ט.

מילא, מיט׳ן אָרט קומען מיר אוים: ווילען מיר ש ט ע ה ע ן מיר, ווילען מיר ב ע וו ע ג ע ן מיר זיך פֿון איין פלאַץ צום אַנדערן.

אָבער מיט דער צייט — צי מיר ווילען צי נים, מיר ב ע וו ע ג ע ן זיך. אפילו די רעליגיאָן רוקט זיך אויך פֿאָראוים!

און דער אָרט האָט פֿיער זייטען.

מיר קענען געהן פֿאָראוים און הינטערווייל אַבם, רעכטס אָדער לינקס.

דער אָרט איז אַן אומפֿאַנג, אַ שטח.

אָבער די צייט איז אַ שטריך. ניטאָ קיין רעכטס און לינקס, נאָר אַ פֿאָרענט און אַ הינטען.

די היסטאָריקער קעהרען זיך אום צוריק, און מיט דער הילף פֿון זייער כח הדמיון, פֿון זייער פֿאָרשטעלונגס קראַפֿט, קענען זיי דערגרייכען ביז א ד ם און ח ו ה, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען נאַקעט און האָבען געגעסען גראָז...

און אַנטקעגען זיי שטעהען די נביאים, די טרוימער. זיי לאָזען זיך אַלץ פֿאָרווערטס! שפּרינגען גלייך אין דער צוקונפֿט אריין, ביז יענעם גרויסען טאָג אָדער ביז יענעם קליינעם אינגעל, וואָס פֿיהרט אַ וואָלף מיט אַ שעפּעלע צוזאַמען — מיט אַ רויזען־שטעקעל...

נאָר די אַזוי ווי יענע זיינען אַ יוצא מן הכלל, אַן אויסנאַהם, און מחמת דעם קענען זיי זיך בענוגענען מיט אַ זייפּענבלאָז פון לעבען אָנשטאָט לעבען. אָבער גאָט'ס פאָלק, די גרויסע מאַסע, געהט טריט ביי טריט. און איך, ס'זאָל ניט אויסגערעדט זיין, בין צווישען זיי, צווישען דעם ערב־רב...

די מאַסע, דער ערב־רב, וויל לעבען און ניט קיין וועקסעל אויף'ן לעבען. די עראינערונג פון דעם „סיר הבשר", פון'ם טאָפּ פלייש איז עפּעס מעהר ווערטה איידער די זיסע האָפנונגען פון מילך און האָניג..."

מיינע אויגען זיינען האַלב פערמאַכט און איך פרעג זיך:

„אָבער פאַרוואָס געהען מיר און מיר פאָהרען ניט אין דער צייט?

וואָס איז שייך צו אָרט ענטוויקלען מיר זיך, ווערן מיר פאָלקאָמענער פון טאָג צו טאָג. אַמאָל זיינען מיר געגאַנגען, (און אפשר נאָך אויף אַלע פיער); דערנאָך זיינען געקומען די רייטער. און אַז אַ גוטער מענש האָט אויסגעפונען די ראָד, האָבען מיר צוגעשפּאַנט דאָס פערד, און זיי האָבען אַריבערגעשטיגען דעם רייטער. איז געקומען דער דאַמפּף און האָט בעזיעגט דאָס פערד. איצט האַלט די עלעקטריציטעט מלחמה מיט'ן דאַמפּף, און זי האַלט אין איין מנצח זיין, די עלעקטריציטעט. מיר האָבען שוין בנינים, וואָס פליהען אין דער לופטען; נאָך אַביסעל וועלען מיר ווערן סאַמע אָדלערס —

נאָר מיט דער צייט? ניטאָ קיין שום עצה, קיין המצאה אַנטקעגען דער צייט."

די ברעמען פון מיינע אויגען זיינען שווער ווי בליי. נאָר אַ קליינער, שמאָלער שפּאַלט איז געבליבען, און דער געדאַנק הערט ניט אויף צו מאַטערן:

— „אַז מיר איז קאַלט דאָ און איך האָב געלד, אַנטלויף איך פון קעלט. איך פערטרייב דעם חושך מיט ליכטיגקייט, דעם ווינטער מיט זומער. אַז איך וויל און איך האָב געלד, מאַך איך מיר אַלע מיינע טעג — אַ פריהלינג אָדער אַ זומער, און דאָס געזאַנג פון די פויגעלאַך הערט ניט אויף, און איך קוועל גאָר אָן פון נחת — אין די וואַרעמע לענדער.

אָבער אַז עס איז מיר קאַלט אין דער צייט, איז ניטאָ וואו צו אַנטלויפען!

ניטאָ קיין רעדער, קיין דאַמפּף, קיין עלעקטריציטעט און קיין לופט־באַלאָן...

מען טהאָר ניט בלייבען שטעהן! איך מוז מיך בעוועגען, און בעוועגען טריט ביי טריט...

צוריק, מיט די היסטאָריקער, קען איך זיך ניט אומקעהרען, מחמת איך האָב מורא פאַר די דורות אָהן די וויסע, געפרעסטע העמדער...

און נביאות זאָגען קען איך אויך ניט: „זינט דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען, איז די נבואה ביי די שוטים אין די הענד," זאָגט די גמרא...

איך וויל פאָהרען, אויף צו'ן אמת'ן..."

איך דרעמעל איין אַ ווײלע און טראַכט זיך, אַז עס איז גאָרניט אַזאַ אונמעגליכקייט.

מען דאַרף נור װעלען! דער ווילען מאַכט אַלצדינג. און איך וויל איך וויל מיט אַלע כוחות, מיט מיין גאַנצער נשמה.

און איך פאָהר טאַקע...

אוים! ס'וואַקסט שוין מעהר קיין ברויט ניט. און אויפגעהערט האָט די ערד צו זיין דאָס אייגענטהום פון „פריצים" און פעלקער... די כעמיע מאַכט ברויט פון דערנער, און מיר קאָנקורירען נור מיט די דערנער־פרעסער — די עזלען. ס'פערדריסט מיר אפילו פאַר זיי, נאָר וואָס קען מען מאַכען? אַזוי איז די וועלט, ס'רעדעל דרעהט זיך איבער. וויפיעל יאָהרהונדערטע האָבען זיי געגעסען צוזעצטערהייט און מיר האָבען געהונגערט?! און ניט נור ברויט אַליין גיט אונז די כעמיע — אויך פלייש און פיש, און עוף און הערינג, ס'הייסט — נור דעם טעם דערפון. און דער גראָבער בויך איז פערשוואונדען, דער טרעלבוך, דאָס איבעריגע שטיק פלייש, וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט דעם מענשען הונדערטע יאָהרען נאָכאַנאַנד. און מיר עסען ניט, נאָר מיר טרינקען. און אין פאַריז טרינקט מען שוין איך ניט, נאָר מען שמעקט. די שפּייז געהט אַריין דורך'ן נאָז. די ענגלענדער טראָגען קליינע זעקעלאַך מיט שטויב, מיט פודרע פון שפּייז אונטערן נאָז, אויף די וואַנציעס, און שמעקען ווען עס ווילט זיך זיי. און אויב דאָס מויל איז נאָך אין גאַנצען ניט פערשטאָפּט געוואָרען, איז דאָס נור מחמת מען דאַרף עס נאָך האָבען — צו מאַכען די ווייבער קאָמפּלימענטען, צו שפּיעלען אַ ליעבע...

און די ליעבע — איז פריי, אָן אַ בייז־אויג, אָהן קנאה און שנאה.

ניט דער מאַן איז מפרנס דאָס ווייב, ווי אין צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, און ניט די פרוי האַלט אוים דעם מאַן, ווי אין דרייסיגסטען יאָהרהונדערט: יעדער איינער האָט זיך אַ פלעשעלע מיט פודרע, און ער שמעקט, און ניט די פרוי האָט אַ בעזונדער רעכט איבער'ן מאַן און ניט פערקעהרט — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— און דו, ווער ביסט דו?

— איך?

— יאָ, דו?

— איך — דער קוטשער!

— דער קוטשער?

— יאָ, כ'פיהר דעם וואָגען אויף'ן צייט־וועג. ווילסט דאָך פאָהרען... פאָרווערטס?! צו דער צוקונפט?

— יאָ, צום קליינעם אינגעל מיט'ן רוויזען־שטעקעל. טרייב אָן! און מיר פליהען...

— אין וואָס פאַר אַ צייט זיינען מיר איצט? ווי הייסט זי?

— זי האָט נאָך קיין נאָמען ניט, מחמת זי איז נאָך ניט געבוירען געוואָרען...

— שנעל, ווייטער!

און מענשען לויפען הין און צוריק ווי משוגעים.

— וואָס זשע, ניטאָ גאָר קיין הונגעריגע, זיי צו געבען אַ וואַרעמעס, קיין דורשטיגע צו דערקוויקען מיט אַ טרונק, קיין נאַקעטע צו בעקליידען, קיין קראַנקע צו היילען? ניטאָ גאָר קיין אונגליקליכע, קיין דערשלאָגענע, פעלקער אָדער איינצעלנע מענשען, אויף זיי רחמנות צו האָבען?

די קיה גיבען מילך און קיין קעלבער צו זויגען זיינען ניטאָ...

אַלעס לעבט און שטאַרבט על פי דרך הטבע.

אַלעס לעבט און נעהמט דאָס לעבען פון זעקעלע. שטאַרבען שטאַרבט מען בלויז פון אַלטקייט...

אַלץ לעבט אין אַ פאָלשטענדיגער האַרמאָניע מיט דער נאַטור און שטאַרבט אין אַ פאָלשטענדיגער האַרמאָניע מיט דער נאַטור.

ניטאָ קיין קראַנקהייט, נאָר עלטער...

די גליעדער ציהען זיך צוזאַמען און געהען אויס אין איין צייט און אין איין מאָס — נאָך מעטשניקאָוו'ס מעטאָדע.

קיין איין אבער שטאַרבט ניט פאַר זיינע חברים און ער דערקאָנטשעט זיי ניט דורך זיין טויט פאַר דער צייט. דערפאַר איז ניטאָ קיין צער, קיין שמערץ.

זיי לעבען אין האַרמאָניע אָהן צער און שטאַרבען אין האַרמאָניע אָהן צער. און די נשמה און דער גוף געהען אויס אינאיינעם. ניטאָ קיין לעבעדיגע נשמה אין אַ טויטען גוף, און ניט פערקעהרט. ניטאָ קיין ווילען גרעסער

איידער די מעגליכקייט, און קיין מעגליכקייט אָהן אַ ווילען, וואָס דאָס הייסט שלעפען שטיינער אומזיסט און אומנישט... ניטאָ קיין פערלאַנג, וואָס קען ניט ערפילט ווערן, און ניטאָ קיין איינגעהאַלטענע, אָנגעזאַמעלטע ענערגיע, וואָס ענטוויקעלט זיך צו צער, צו שמערצען.

און מיט דער צייט איז אויך דער ליעבעס־שפּיעל פערגעסען געוואָרען; ניטאָ קיין ווילען אָהן אַ מעגליכקייט...

און קיין דיסקוסיעס אויך ניט. די טהעמאַס זיינען פערשוואונדען, די מיינונגען זיינען אָהן אינטערעס און די שטימען אָהן פאַרב. ניטאָ קיין כעס און קיין רכילות; און קיין שפּאַס אפילו, קיין וויץ געהט ניט אָן, איינמאָל האָט זיך געמאַכט אַ צופאַל, „שלום עליכם" איז דורכגעפאָהרען, און מען האָט איהם איינגעלאַדען אויף אַ מאָהלצייט — האָבען אַלע געגענעצט...

מחמת דאָס גענעצען איז געוואָרען אַן אָנשטעקעדיגע קריינק, אַן אַלגעמיינע — אַ וועלט־קראַנקהייט...

— און וואו איז דאָס אינגעל מיט'ן רויזען־שטעקעל?

— צו וואָס טויג ער אונז, צו וועלכען שוואַרץ יאָהר? די וועלף, די שלאַנגען און די איבעריגע ווילדע חיות זיינען דער'הרג'עט געוואָרען פון דער עלעקטריציטעט... אפילו די פרומע זשאַבעס, אַ ליכטיגען גן עדן זאָלען זיי האָבען!

— די ערד אפילו האָט שוין אַזוי לאַנג ניט געציטערט — האָט זיך איינער פון די אַלטע לייט געוואָלט בעקלאָגען — און האָט אַ גענעץ געטהאָן.

און איך ווענד זיך צום קוטשער און רוף אויס מיט שרעק: טרייב אָן, ווייטער! — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

— וואָס זשע, אַ „יריד" אפּנים?

— חס ושלום! מען קויפט ניט און מען פערקויפט ניט!

— וואָס זשע דען? אַ קאָראָנאַציע?

— אויך דאָס האָט מען שוין פערגעסען! לאָמיר אַראָבגעהן זעהן — די גאַס הוזשעט פון מענשען.

דעמאָלט, בשעת מען האָט אַרויסגעטריבען די יעזואיטען פון פראַנקרייך, האָט איינער פון די הייליגע, פאַר כעס און פאַר צרות, זיך אָנגעטרונקען מיט שאַרטרעז. אַ שכור'ער איז ער אַנידערגעפאַלען אין קעלער אין אַ

לעטהאַרגישען שלאָף ביז אויף היינטיגען טאָג. אָהן יעזואיטען איז פֿראַנקרייך געפֿאַלען און געפֿאַלען, אַזוי ווי שפּאַניען נאָכדעם ווי זי האָט אַרויסגעטריבען די אידען. דאָס לאַנד האָט זיך געבאָדען אין שמוץ; פֿראַנקרייך האָט געציטערט און פֿון איהר איז געוואָרען אַ באַרג אַש, אַן אמת׳ער מדבר... איצט האָט איינער פֿון די, וואָס געגעצען, זיך געוואָלט אויסגראָבען אַ קבר. טיעף, טיעף האָט ער געגראָבען — און געפֿונען דעם יעזואיט, האָט ער איהם אַריינגעבראַכט אין שטאָדט. מיט געווירצען האָט מען איהם אויפֿגעמינטערט...

און ווי ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט זיך דער גאַנצער עולם אַרומגעקליבען אַרום איהם מיט פֿראַגען, אויב מען האָט אין זיין צייט אויך געגענעצט.

— יאָ, — ענטפֿערט ער — עס האָבען געגענעצט אַסך פֿון די לאָרדען אין ענגלאַנד.

— און די איבעריגע? דער עולם?

— דוכט זיך, אַז דער עולם האָט ניט געגענעצט...

— וואָס זשע האָט מען געטהאָן?

— איידער מען האָט פֿערברענט די יעזואיטען אין אַלע לענדער האָט מען געדאַווענט, גאָט געבעטען —

— אויך אַן עובדא.. במלנות! וואָס נאָך?

— מען האָט זיך געפֿרעהט מיט דעם אויפֿגאַנג פֿון מאָרגען. ניט אַלע האָבען זיך געפֿרעהט, נאָר, למשל, די פּאָעטען!

— מיר האָבען ניט קיין מאָרגען און ניט קיין אָווענד. אַן עלעקטרישע זונן ביינאַכט...

— עס זיינען אויך געווען קאָנצערטען פֿאַר וואָהלטהעטיגע צוועקען.

— מיר האָבען קיין „צדקה" ניט; ניטאָ קיין אָרעמע לייט!

— קאַטערינקעס האָבען אין די גאַסען געשפּיעלט...

— מיר האָבען „קנעפּלאַך" — אַ קוועטש אין קנעפּעל און ס׳הערט זיך אַ געזאַנג. נאָר מחמת אַלע קענען קוועטשען...

— אָה! — דערמאָנט זיך דער יעזואיט — ס׳זיינען געווען אָרעמע לייט וואָס, כדי צו האָבען אַ שטיקעל פֿערגניגען אויף דער וועלט, פֿלעגען זיי אין אַ ווינטער־נאַכט אַרויסנעהמען איין פֿוס פֿון אונטער דער קאָלדרע און איהם אַריינכאַפּען צוריק, אַז ער פֿלעגט קאַלט ווערן.

— ניטאָ ביי אונז קיין קעלט און קיין ווינטער! איין מיטעלמעסיג קלימאַט אויף דער גאַנצער וועלט.

— נאָך עפּעס געדיינק איך, — זאָגט דער פערמאַטערטער יעזואיט. — כ׳וועל עס אייך דערצעהלען, דערנאָך וועט איהר מיר געבען אַביסעל ווייַן. . .

— אַביסעל ווייַן־שטויב צום שמעקען, זאָל זיין אַזוי, אַבי דערצעהל!

— זעלנער פּלעגען דורכגעהן אין די גאַסען, פאַר זיי אַ קאַפּעליע מוזיק, און דער עולם פלעגט נאָכלויפען נאָך זיי מיט שמחה, מיט פרייד —

— וואָס הייסט זעלנער?

— אָנגעטהאָן אין אוניפאָרם, בעוואָפענט!

— וואָס הייסט אוניפאָרם? און וואָס איז אַזוינס בעוואָפענט?

— גיט מיר נאָך אַ שמעק ווייַן, ווייל מיין געדעכנים ווערט שוואַך.

מען האָט איהם געגעבען צו שמעקען און ער האָט זיי אַלצדינג ערקלעהרט.

גלייך זיינען בעשאַפען געוואָרען זעלנער מיט אוניפאָרמעס און מיט געוועהר.

און די „זעלנער" מאַרשירען אין די גאַסען און גענעצען, און דער „עולם" גענעצט מיט. . .

— זאָגסט ליגען, דו יעזואיט!

— ניין, כ׳זאָג שוין גאָר קיין ליגען ניט. . . נאָר דאָס זיינען ניט קיין זעלנער.

— זיי געהען דאָך אין איניפאָרם?

— ריכטיג.

— זיינען דאָך בעוואָפענט?

— יאָ, נאָר —

— וואָס נאָר?

— זיי האָבען נאָך קיין בלוט ניט פערגאָסען, און זיי האָבען קיין סימן פון זעלנער ניט אויף די פּנים׳ער.

— פערגיסט בלוט! — האָט דאָס פאָלק געליאַרעמט — שטעכט, שיסט, הרג׳עט! —

— וועמען? — פרעגט דער גענעראַל.

— אונז, אונז אַלעמען, שיס, אַבי מיר זאָלען ניט גענעצען, שיס!

און ווי אַ דונער איז די שטימע פון פאָלק; ס׳לאָזט זיך ניט אַנדערש מאַכען. דער ווילען פון דער גאַנצער וועלט דריקט זיך אויס אין דעם קול.

— שיסט! — קאָמאַנדירט דער גענעראַל. . .

* * *

פון דער שיסעריי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט...

רבונו של עולם! אַלץ וועט נאָך אַמאָל פערשווינדען פון דער וועלט, אַלעס: די פרומע זשאַבעס, די קאַטערינקעס —

און אפילו די וכוחים, די דיסקוסיעס — —

נאָר די שנאה ניט?...

מיר וועלען מוזען פיינט האָבען איינער דעם צווייטען, כדי מיר זאָלען ניט גענעצען...

און ווער ווייסט, וויפיעל מאָל מיר וועלען נאָך בלוט פערגיסען — צוליעב'ן ליידיג אַרומגעהן, צוליעב'ן גענעצען!...

צווייי חברים.

אַמאָל זיינען געווען צוויי חברים, וואָס האָבען זיך אויפגעהאָדעוועט אין איין הויז און זיינען געוואָרען צוגעבונדען איינער צום צווייטען.

חברים — און ליעב האָבען זיי זיך געהאַט ווי ברידער, און נאָך בעסער ווי ברידער!

און די נשמות וויגען איינער פון דער צווייטער, און די הענד געהען נים אַרוים איינע פון די אַנדערע; און טאָג און נאַכט זיצען זיי נאָר און ריידען פון פריינדשאַפט און פון דער לבנה, וועלכע איז דער סימבאָל, דער צייכען פון דער פריינדשאַפט...

און זיי האָבען זיך בענוגענט דערמיט און זיינען צופריעדען געווען מיט דעם שיקזאַל; פערשטעהט זיך — ביז אַ צייט, ביז וואַנען ס'האָט ערוואַכט אין זיי די צייט...

און זייער טאָג איז געקומען, דער טאָג פון זייער ליעבעס-גענוס...

ביידע מיט אַמאָל האָבען זיי דערפיהלט, אַז די נשמה זייערע איז פלוצלינג פערשטעלט, פערפינסטערט געוואָרען; אַז עס איז אויף איהר אַרויף עפּעס אַ שאָטען פון שמערץ, פונקט ווי דער אויפגאַנג פון'ם וואָלקען — דער צייכען פון צער אויף דער לבנה, וועלכע איז דער סימבאָל פון אונשולד און פריינדשאַפט; אַז די הערצער זייערע זיינען שטאַרק פערטרויערט און צוזאַמענגעדריקט געוואָרען פון אַ נייעם ווייטאָג, פון וועלכען זיי האָבען ביז אַהער נים געוואוסט.— —

ביי איינעם האָט דער פולס אָנגעהויבען שטאַרק צו קלאַפּען, און דער צווייטער האָט דערפיהלט עפּעס אַ מין זעעלען-מיעדקייט...

און גלייך האָבען זיך ביי זיי די הענד אַרויסגעלאָזט איינע פֿון די אַנדערע, מחמת זיי האָבען ביידע דערקענט די ענדערונג, וואָס איז אין זיי פֿאָרגעקומען; און דערפֿיהלט האָבען ביידע, אַז דאָס נייע, וואָס וועבט זיך ביי זיי אין מוח, איז לחלוטין ניט שייך צו דער פֿריינדשאַפֿט, און אַז דאָס איז אַ סוד, אַ פֿערבאָרגענע זאַך, וואָס מען ענטדעקט ניט אפילו פֿאַר דעם גרעסטען, פֿאַר דעם בעסטען פֿריינד...

און מיט איין מאָל, אין דערזעלבער צייט, האָט זיך איינער פֿון זיי געווענדט רעכטס און דער צווייטער לינקס, מחמת זיי האָבען מורא געהאַט איינער פֿאַר'ן צווייטען, טאָמער וועט ער אַריינקומען אין דעם אַנדערן'ס אויגען און וועט פֿון דאָרט אַרויסשעפּען דעם סוד פֿון זיין זיסען שמערץ...

איינער האָט דערפֿיהלט, אַז די נשמה זיינע איז ביז אַהער געווען פוסט, און אַז זיין חבר קען איהם ניט העלפֿען, אַז ער קען די פוסטקייט ניט אויספֿילען...

דער צווייטער ווידער האָט דערפֿיהלט, אַז פֿון היינט אָן און ווייטער איז ער איינזאַם און עלענד, און אין איהם האָט זיך דערוועקט אַ חשק צו זיין אַליין און בעטראַכטען וואָס מיט איהם איז אַזוינס געשעהן אָהן זיין וויסען און אָהן זיין ווילען...

איז דער ערשטער אויפֿגעשטאַנען אין דער שטיל און האָט פֿערלאָזען דאָס הויז...

און נאָך איהם האָט זיך אויפֿגעהויבען דער צווייטער, איז צוגעגאַנגען צו זיין געלעגער און האָט זיך אַנידערגעלייגט מיט אָפֿענע אויגען צו טראַכטען און קלעהרען, מאַכען חשבונות, בערעכענען וואָס וועט זיין שפּעטער, וואָס וועט פֿאָרקומען אין דער צוקונפֿט...

דער ערשטער, וואָס איז אַרוים אויף דרויסען, האָט זיך אַרומגעדרעהט און געזוכט דאָס, וואָס פֿעהלט איהם פֿאַר זיין נשמה...

געזוכט האָט ער צווישען די, וואָס געהען פֿערביי; איינגעקוקט האָט ער זיך אין יעדענס אויגען בעזונדער...

וואָרים ער האָט ביי זיך געטראַכט: די נשמה מיינע איז פוסט, מוז איך זוכען נאָך אַ נשמה זיך מיט איהר צו פֿעראייניגען, אויסצופֿילען די פוסטקייט.

און די אויגען זיינען די פֿענסטערלאַך פֿון דער נשמה, און אין די אויגען וועט ער דערקענען די נשמה, וואָס ער דאַרף... די נשמה, וועלכע

וועט אויספילען זיין פוסטקייט און וועט איהם געבען די פרייד אָדער דעם שמערץ, נאָך וועלכע ער בייגקט אַזוי אונבעוואוסטערהייט...

איז ער געלאָפען און האָט געטהאָן וואָס ער האָט געטהאָן. דערנאָך איז ער אַוועק צוריק אַהיים, אָנזאָגען וואָס ער האָט געטהאָן...

אַז ער איז געקומען אַהיים, איז נאָך זיין חבר געווען אויסגעצויגען אויף'ן בעטעל, און אויף זיין געזיכט איז געלעגען דער טרויער פון די חלומות און פון די פאַנטאַזיעס. נאָר דער בעמערקט עס גאָרניט, און מיט פרייד שרייט ער אויס:

— מיין ליעבער חבר, די נשמה מיינע איז שוין ניט מעהר פערפינסטערט...

איך האָב געזוכט און געפונען!

אין די גאַסען בין איך אַרומגעלאָפען, צווישען די מיידלאַך פון דער שטאָדט האָב איך געזוכט. און געפונען האָב איך אַ פאָר גוטע אויגען, מחמת פון זיי האָט אַרויסגעקוקט אַ גוטע נשמה. און די פונקען פון דער נשמה זיינען אריין צו מיר אין האַרצען און האָבען אין מיר אָנגעצונדען אַ ניי ליכט פון גוטער האָפנונג, אַ האָפנונג פאַר אַ ניי לעבען, אַ פול לעבען, אַ לעבען אונטער דער זונן! און בעהעפט, צוגעשמידט איז מיין זעעל געוואָרען צו איהר, דאָס הייסט צו יענער נשמה; נאָכגעגאַנגען בין איך נאָך איהר ווי אַ שאָטען... און נאָך פיעל מיה, און נאָך אַ ים פון בקשות און תחנונים איז מיר געלונגען זיך מיט איהר צו בעקענען. און איהר נאָמען האָט זי מיר געזאָגט, און איהר פאָטערס נאָמען; אויך איהר אַדרעס האָט זי מיר געגעבען... דערנאָך האָבען מיר זיך געזעגענט, און מאָרגען געה איך אַהין...

און ער וויל אַרויפפאַלען דעם חבר אויף'ן האַלז, און זאָגט:

— פריינד מיינער, געליעבטער, דו קענסט מיר זאָגען „מזל טוב", איך בין שוין כמעט אַ חתן!

נאָר זיין חבר האָט איהם אָבגעשטויסען פון זיך, און מיט א געלעכטער האָט ער געזאָגט:

— אָה, דו גראָבער שוטה דו! דו ביסט שוין כמעט אַ חתן? איך האָב דאָך שוין קינדס־קינדער בעגראָבען!...

דאָס איז דער חילוק צווישען דעם וואָס טהוט און דעם וואָס חלומ'ט, וואָס פאַנטאַזירט —

צווישען דעם אמת'ן טהוער און דעם וואָס שווערעמט אויף'ן געלעגער...

דער אמת'ער טהוער ווירקט לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, און טהוט עפּעס אויף, ביז וואַנען ער ווערט ענדליך אַ שותף פון רבונו של עולם אין דער וועלט־שעפּפונג...

און דער, וואָס פאַנטאַזירט אויף'ן בעט, האָט שדים און שד'יכעס און בעגראָבט גאַנצע דורות און זייערע שדים און רוחות, און זיין זעעלע ווערט אַליין ניט זאַט...

און ער לאַכט נאָך — מיט אַ ציינישען געלעכטער...

א בריעף פון דארן־מאן צום רויזענמאן.

אַלזאָ, מיין טהייערער, ליעבער פריינד, דו זעהסט קיין אַנדער זאַך ניט ווי רויזען, בלויז רויזען! דו זעהסט רויזען, הערסט דעם געשפּרעך פון בוימער, און אויך די שטימע פון דעם גריל קלינגט דיר אין די אויערן... דו האָסט זיך אָנגעשמעקט, ווי דו זאָגסט, מיט דעם ריח פון בלומען, די גאַנצע נשמה דיינע איז דורכדרונגען פון רויזען...

און איך שטעל זיך פאָר, דו געהסט אין גאַס און עס געהט פערביי אַ גערטנער און גיט דיר אַ שטופּ מיט'ן עלענבויגען, נאָר דו ווערסט ניט ברוגז אויף איהם, אדרבה — דיין פנים ווערט ליכטיג; דאָס האָט זיך אַ בליהענדע בלום אָנגעריהרט אָן דיר!

אַ בלינדער, אַ הינקעדיגער אָדער אַן אַנדער מין קאַליקע שטהעט אָנגעשפּאַרט ביים וואַנד פון אַ הויז און שטרעקט אויס די האַנד צו דיר און זאָגט מיט געבעט: גיט אַ גראָשען צו דערהאַלטען דאָס לעבען!...

און דו האָסט אַ פולען בייטעל מיט געלד. נאָר דו גיסט ניט!

מחמת קיין וואונדען זעהסט דו ניט, נאָר רויזען, און קיין געבעט און קיין געוויין הערסט דו ניט נאָר די שטימע פון גריל — — —

ס'פערגעהט דער טאָג און שאָטענס, ליידיגע און פערמאַטערטע שאָטענס, בלאָנקען אַרום אין די גאַסען...

אָרעמע לייט, האַלב נאַקעט, שטרעקען אויס די הענד נאָך אַ נדבה אויף נאַכט-לעגער...

אָרעמע ווייבער בלענדען זיך אויס אין דער פינסטער די אויגען, וואָס קריכען זיי אַרויס פון קאָפּ פאַר צרות — — —

און דער פֿוילער ווינד, אויסגעמישט מיט בלאָטע גערהט אַרויף אין הימעל — און ביי דיר אין מוח שוועבען אַרום שאָטענס, לויטער שאָטענס, און ביי דיר אין האַרצען פֿליסען קוואַלען, ריינע וואַסער־קוואַלען; און דיין זעעלע איז פֿול מיט רויזען, רק רויזען...

און אַז דו קומסט אין שלאַכט־הויז אַריין, הערסט דו דאָך ניט די שטימע פֿון'ם אָקס, וואָס מען קוילעט; אויך די ברכה פֿון דעם שוחט איז דיר פֿרעמד. דו הערסט ניט דאָס רעווען פֿון די בהמות, וועלכע גוסס'ען, און פֿאַר דעם גערוך פֿון'ם פֿערגאָסענעם בלוט האָסט דו קיין נאָז ניט... ניטאָ קיין קוילער און קיין געקוילעטע, ניטאָ קיין נבלות, נאָר אַ גריל, בוימער און רויזען...

און אַז דו קומסט אַמאָל אין שפּיטאָל אַריין — אפשר ביסט דו אַ אַ דאָקטאָר אָדער דו געהסט צו אַ קראַנקען קרוב איהם מבקר חולה זיין — זעהסט דו ניט קיין גרינע, ניט קיין געלע פּנים'ער, ניט קיין שווינדזיכטיגע, ניט קיין שווערע צו־קינד־געהערינס און ניט קיין פֿערלאָרענע, פֿערשפּילטע פֿרויען־קערפּערס. —

דיין האַרץ ווערט דיר ניט פֿערדריקט, אין דיינע אויגען בעווייזט זיך ניט קיין טרעהר און דיין זעעלע ווערט ניט געריהרט — מחמת דו זעהסט נור רויזען, הערסט נור דאָס סוד'ען זיך פֿון די בוימער... די שטימע פֿון'ם סאָלאָוויי קלינגט דיר אין די אויערן, דער גריל זינגט!

און אויך אין טורמע — —

נאָר דאָרט קומסט דו דאָך קיינמאָל ניט!

די רויזען זינדיגען ניט... די נבול פה, די אויסגעלאַסענהייט פֿון'ם גריל איז קיין חטא ניט און דאָס סוד'ען זיך פֿון די בוימער קיין קאָנספּי־ראַציע ניט...

און דעם ים האָסט דו אפילו יאָ געזעהן, נאָר ניט ווען ער קאָכט...

די בוימער־שפּראַך האָסט דו נאָך אַלס קינד געלערנט.

וואָרים, אַזוי ווי אדם הראשון, ביסט דו אין גן עדן געבוירען גע־וואָרען...

אַ קליין הייזעל איז אין גאָרטען געשטאַנען (די, וואָס האָבען עס געבויט, האָסט דו ניט געזעהן); און די פֿענסטער פֿון הויז זיינען געווען אָפֿען, גאַנץ אָפֿען — — — פֿאַר די פֿאַרבען, דאָס געזאַנג און דאָס ליכט!

ליכט און ליעבע אין הויז, ליכט און ליעבע אָהן אויפֿהער, אָהן אַ שיעור... קיין קריינק, קיין קריעג, קיין עגמת נפש און קיין אייביגע בייגקעניש נאָך די ענדלאָזיגקייט, וואָס רינגעלט אַרום דעם גן עדן...

אַ טאַטע — אַ מאַמע — און אַ זוהן...

אַ טאַטע, אַ מאַמע און אַ זוהן, און אַ גריל, און דאָס געשפּרעך פֿון בוימער, און ליכט, און פֿאַרב, און רויזען!

און אין גן עדן האָט קיינמאָל קיין שטורם ניט אויסגעבראָכען... די בלומען און די בלעטלאַך זיינען קיינמאָל ניט קראַנק געוואָרען; עס איז אויף זיי קיינמאָל קיין ווערעמיל ניט אַרויף, קיין פֿליגעלע האָט זיי ניט געביסען; און דאָס גאַנצע יאָהר האָבען זיי געבליהט, קיינמאָל ניט פֿער־וויאַנעט געוואָרען, נאָר אַז די צייט איז געקומען, איז פּלוצלינג אויף זיי אַראָב אַ שנעע פֿון הימעל, אַ ווייסער שנעע, פֿעדערן פֿון הימעל... דאָס לעבען האָט קיינמאָל ניט געקעמפּפֿט מיט'ן טויט... די בוימער וואַקסען אָהן דערנער, ניטאָ קיין נאַקעטע וואָרצלען אויף דער ערד, און קיין פֿער־וואונדעטער פֿויגעל איז קיין איין מאָל ניט אַראָבגעפֿאַלען פֿון צווייג...

אויך די מלחמה פֿון די וואָרצלען אויף דער ערד האָסט דו קיינמאָל ניט בעמערקט...

ניטאָ קיין צוהאַקטער, פֿערוואונדעטער בוים, ניטאָ קיין צוגעסענע, צוביסענע רויז, ניטאָ קיין קראַנקע ליעבע; אַלעס לעבט, אַלעס איז שעהן און אַלעס איז פֿעסט און זיכער!...

און דו לעבסט, און אַלע דיינע ליעבע און טהייערע לעבען...

קיין איין ווייסער פֿלעק, קיין איין ווייסע מצבה האָט נאָך ניט דורכ־געשוועבט פֿערביי דיר אין דער לופֿטען...

דעם ים האָסט דו אמת געזעהן, נאָר ניט ווען ער ברויזט... און די בייזע כוואַליעס פֿון ים האָבען זיך נאָר פֿאַר דיר ניט אויפֿגעהויבען...

און אַ זינקענדעס שיף אין מיטען ים האָסט דו אויך ניט געזעהן! אַ גליקליכער ביסט דו, נאָר איך בין דיר אסור מקנא...

דער קינסטלער אין גלות.

אָנגעפֿאַנגען האָט זיך די געשיכטע לאַנג, לאַנג, מיט פֿיעל יאָהרען צוריק, און זי האָט זיך נאָך עד היום ניט געענדיגט. ווער ווייסט, ווען דער וואונדערליכער סוף וועט קומען...

און די צוויי סקולפּטאָרען, די צוויי שניצער, זיינעןביידע גרויסע קינסטלער, אָדלערס, זשעניען, איינפֿאַכע געטער!

און אַ וואונדערבאַרען צויבער האָבען זיי ביידע. אַלעס לעבט, אַלעס ווערט לעבעדיג ביי זיי אין די הענד. אַ נשמה בלאָזען זיי אַריין אין ליימענע גולם'ס — אין האָלץ און אין שטיין!

דאָך ווי פֿערשיעדען, ווי וויט זיינען זיי געווען איינער פֿון צווייטען!

איינעם'ס נשמה איז די לעבענס-פֿרייד געווען, די לעבענס-פֿרייד אין איינפֿאַכסטען זינן פֿון וואָרט; די פֿרייד פֿון'ם לוסטיגען, בליצענדען, רוישיגען לעבען, וואָס פֿער'שכור'ט ווי אַלטער שטאַרקער וויין!

און ווי ער האָט נור זיין בליק געוואָרפֿען, האָבען זיך פֿאַר איהם אויפֿגעהויבען די כוואַליעס פֿון דעם לעבענס-ים, און די לופֿט איז פֿול געוואָרען מיט אַלערליי אַנגענעהמע, פֿיין-שמעקענדע ריחות, און אַלע פֿאַרבען פֿון רעגען-בויגען האָבען זיך בעוויזען מיט זייער גאַנצער שאַרפֿקייט. און צופֿלאַקערט האָבען זיך די שטערן אין הימעל און די אויגען פֿון די שעהנע פֿרויען אויף דער ערד! און בעוויזען האָט זיך די העלדישקייט מיט איהר גאַנצען שטאָלץ, און די ליעבע מיט איהר פֿאָלשטענדיגען צויבער, — — און אַז די מוזע האָט איהם בעזוכט, האָט ער בעשאַפֿען העלדען, וואָס געהען אין מלחמה און נעהמען איין גאַנצע לענדער; מיידלאַך מיט פֿרעכע, שטעכיגע אויגען, וואָס טאַנצען מיט שווערדען און שפּיזען; געטער און געטינען, וואָס שפּרינגען אַרויס פֿון ים מיט'ן שוים אויף זייערע לייבער...

און נאָכגעלאָפֿען און נאָכגעשלעפּט האָט זיך דאָס פֿאָלק נאָך'ן קינסטלער; און בעשאָטען האָט מען איהם מיט גאָלד און זילבער און מיט בריליאַנטען, און בעוואָרפֿען מיט פּרעכטיגע בלומען.—

אַרום צווייטען קינסטלער האָבען זיך נור געהאַלטען אַ הייפֿעלע מענשען; עטליכע מבינים, וואָס האָבען זיך ניט געקענט זאַט אָנקוקען אויף זיין

אַרבייט. און אֵיינער צום צווייטען האָט אין דער שטיל געזאָגט: „זעה, וואָס פֿאַר אַ פּראַכט! טהו אוים די שיך, לאַנגזאַם ווי דו געהסט צו!...“

וואָרים דער סוד פֿון דעם צווייטענס נשמה איז די טרויעריגע זייט, די טראַגעדיע פֿון׳ם לעבען געווען. און איהר מיינט אפשר, אַז ער האָט פֿיינט געהאַט דאָס לעבען? ניין! נאָר ער האָט זיך ניט געקענט פֿערקויפֿען דערצו... זיין זעעל האָט געשטרעבט צו דער לייזונג פֿון דעם לעבענס-רעטעניש, פֿון דעם לעבענס-סוד; צום קערענדיל, וואָס ליגט אין דער בלישטשענדער שאָלאַכץ; צום גייסט, צו דער נשמה, וואָס ליגט אין די רעדער; צום ווילען — צום ווילען פֿון דער וועלט!

און ער האָט בעשאַפֿען — דיכטער און פּראָפֿעטען, קעניגע, וואָס שפּיעלען אויף דער האַרף, און אידעאַליסטען מיט בלינקענדע אויגען, וואָס קוקען אַרויף, און הערען ניט אויף צו פֿרעגען: פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס?

און דאָס „הייפֿעלע מענשען“ האָט דעם רייכען קינסטלער ניט געלאָזט שלאָפֿען. ער האָט זיין חבר ניט פֿערגונען די עטליכע מבינים, די עטליכע אָנהייננער, וואָס ער האָט געהאַט. און איינמאָל בייננאַכט, ווען ער איז געווען אויפֿגעלייגט, איז ער מיט זיין בעהעלפֿער אַרוים אין גאַס. מיט העק אין די הענד זיינען זיי בעפֿאַלען דעם אָרעמאַן׳ם הויז און זיין סטודיע, האָבען צובראָכען און צושטאָכען זיינע קונסט-ווערק, און דעם קינסטלער האָבען זיי גענומען געפֿאַנגען...

— דאָ זאָלסט דו זיצען און טהאָן וואָס איך הייס דיר. וואָס מ י ר וועט געפֿעלען, וועסט דו שניצען! — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

ס׳איז אַוועק אַ צייט און דער צווייטער קינסטלער איז אין גאַנצען פֿערגעסען געוואָרען.

און אַז אימיצער האָט איהם שוין אַמאָל יאָ דערמאָנט, האָט ער געזאָגט:

— אָט דער קינסטלער? ער איז שוין ניט דערזעלבער וואָס געווען... זיין אייגענע קונסט איז פֿערשוואונדען און ער קרימט זיך נור איצט נאָך; צו אַ פֿ ר ע מ ד ע ן ג אָ ט דיענט ער... איהר זעהט די „שעהנהייט מיט׳ן בעבער אין דער האַנד?“ איהר זעהט די „געטינען וואָס שפּרינגען פֿון וואַסער אַרוים?“ דאָס איז ניט זיינס, ניט זיינס!...

און דער אונגליקליכער שרייט:

— אָבער בינדט נור אויף מיינע קייטען! מאַכט מיך פֿריי, וועט איהר זעהען!...

נאָר קיינער הערט איהם ניט. — —

ציים-גשואנג.

זי פֿערמאַכט דעם פֿאָרטאָפּיאַן און מיט אַ ביטערן טאָן זאָגט זי: „וואָס זשע! דו הערסט דען עפּעס?"

אונטערן פֿענסטער קאָכט עס פֿון די פֿערבייגעהער, וועלכע האָבען זיך אָבגעשטעלט הערען. מיט אַ פּאָר מינוטען צוריק האָט אונטען, אין גאַס, געהערשט אַ שטילקייט ווי אויף אַ בית עולם; צוגעהערט האָבען זיי זיך און זיי זיינען ענטציקט געוואָרען. נאָר אַז זי האָט אויפֿגעהערט שפּיעלען און פֿון די קלאַווישען האָט זיך אַרויסגעריסען דער לעצטער זיפֿץ, האָט דער עולם אַרויסגעפּלאַצט אין אַ בראַוואָ און אַן אַפּלאָדיסמענט האָט אָבגעהילכט אַרום און אַרום. אָבער ניט פֿון זייערטוועגען האָט זי דאָס געשפּיעלט, ניט פֿאַר זיי האָט זי דאָס אויסגעגאָסען איהר האַרץ. אין'ם קלאָהרען, זיסען אָווענד האָט זי גאָר פֿערגעסען. דער לויטערער הימעל, די לבנה, די שטערן און אַלע מענשען זיינען איהר ווייניג וואָס אָנגעגאַנגען. איין וואונש, איין איינציגען צוועק האָט זי געהאַט: דורך'ן קלאַוויר מיט איהם צו ריידען, און ער — הערט ניט.

דאָס האַרץ ווערט איהר פֿערדריקט, די ליפּען פֿערציהען זיך מיט אַ רויט הייטעלע און פֿון די אויגען שפּאַרען זיך אַ פּאָר טרעהרען.

— גאָט מיינער! — שרייט זי פּלוצלינג אויס — וואָס איז דיר אַזוינס, דוד? דיינע אויגען זיינען רויט ווי בלוט, דיינע באַקען בלייך ווי קאַלך. ביסט קראַנק?

— ניין, איך בין אַזוי ווי אַלע מאָל, — האָט ער איהר אָבגע'פּטר'ט, אַזוי ווי איהם וואָלטען די פֿראַגען געפֿאַלען צו לאַסט. ער האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון שטוהל און גענומען אַרומגעהן איבער'ן צימער אַהין און אַהער.

דערנאָך האָט ער זיך אַנידערגעלייגט אויף'ן בעט אַנטקעגען איהר מיט'ן קאָפּ צום וואַנד.

און פּלוצלינג האָט זי דערפֿיהלט אַ מורא'דיגע שטעכעניש אין זייט. אין איהר מוח האָט עס געקלאַפּט ווי מיט אַ האַמער. אויף גיך האָט זי אַרויסגעכאַפּט די האָר־נאָדלען, האָט זיי אַרונטערגעוואָרפֿען אויף דער ערד, און איהרע לאָקען האָבען זיך איהר אַראָבגעלאָזט איבער די פּלייצעס. זי האָט אויך געוואָלט אויפֿשפּילען איהר יאַקעל, מחמת זי האָט ניט געקענט כאַפּען דעם אָטהעם, נאָר זי האָט זיך איינגעהאַלטען און מיט איהרע ציטערנדע הענד האָט זי זיך דעם פּנים פֿערשטעלט.

— כ'האָב ניט גוט געשפּיעלט היינט? — האָט זי געפֿרעגט.

— האָסט זעהר, זעהר גוט געשפּיעלט! — האָט ער קאַלט געענטפֿערט.

— וואָס זשע?...

— קיין ענטפֿער.

— ס'איז געוועזען אַ צייט, — האָט זי אָנגעפֿאַנגען... נאָר מיט אַמאָל האָט זי זיך פֿון שטוהל אויפֿגעהויבען און איז אַרויס אויף'ן באַלקאָן. איהרע אויגען האָבען זיך בעגעגענט מיט דעם פֿערגליווערטען בלישטש פֿון די שטערן און מיט די וואַרעמע בליקען פֿון די מענשען, וועלכע זיינען געשטאַנען אונטען. אָבער דאָס אַלעס האָט איהר ניט גענומען. אומזיסט איז איהר די לבנה אַנטקעגען געקומען — טאָמער וויל זי פֿאַר'ן הימעל דאָס האַרץ איהרס אויסגיסען...

נאָר מיט אַמאָל פּלאַצט אַ טרעהר אַרויס פֿון איהר אויג און פֿאַלט אַראָב אויף דער ערד...

דער ביטערער געדאַנק געהט איהר גאָר פֿון מוח ניט אַרויס. —

— ס'איז געוועזען אַ צייט — נאָר דער זיסער חלום איז אַריבער, די גליקליכע טעג זיינען פֿערשוואונדען! אַלעס האָט אַ סוף און אַ גרענעץ, אויך די געפֿיהלען פֿון דעם דיכטער... און מיין אונגליקליך האַרץ האָט אַן אייביגען, אַן אונשטערבליכען חלום געזעהן! נאַריש האַרץ מיינס! די בלומען ווערן פֿערוויאַנעט, די פֿאַרבען פֿון'ם רעגענבויגען פֿערשווינדען, און די מענשליכע געפֿיהלען און די נאַרישע הערצער זייערע ווערן צובראָכען ווי אַ שאַרבען!

איהרע גליקליכע טעג שוועבען איהר פֿאַר די אויגען. מיט מוזיק און מיט פּאָעזיע זיינען זיי דורכגעוועבט.

אין'ם שוים פֿון דער נאַטור האָבען זיי זיך בעגעגענט; דער ליעבער פֿריהלינג האָט זיי צוזאַמענגעבראַכט — —

יעדען אָוענד פֿלעגט זי אויף דער פּיאַנאָ שפּיעלען און ער פֿלעגט פֿון

ווייטען אין גאָרטען שטעהן און זיך צוהערען. ער איז דער איינציגער געווען, וואָס האָט איהר שפּראַך פערשטאַנען, די שפּראַך פון איהר האַרצען. ער איז געווען דער שוואָס, וואָס האָט איהרע געפיהלען אין זיך איינגעזאַפּט. זיינע אויגען זיינען די מאַגנעטען געווען, וואָס האָבען פון אונטער איהרע פינגער, פון די קלאַווישען די זיסע, די צויבערנדע טענער אַרויסגעבראַכט...

„דער דיכטער!" „דער משוגע'נער!" האָט מען אויף איהם מיט די פינגער געטייט; און מערקווירדיג! זינט זי האָט אָט די בעליידיגונג געהערט, האָט זי איהם ערשט אמת אָנגעהויבען ליעב צו האָבען. — —

...אָווענד! — —

...פון מערב זייט קריכט אַרויס אַ וואָלקען, אַזוי ווי אַ שלאַנג, איינ־צושלינגען דאָס לעצטע ביסעל טאָג, וואָס איז נאָך פערבליבען.

„פאַרוואָס פערשטעלסט דו זיין געזיכט פון מיר?" האָט זי זיך אין איהר מוזיק אויף דער שלאַנג געבייזערט.

אַ גוס־רעגען האָט אָנגעהויבען געהן, נאָר זי האָט דאָס פענסטער ניט צוגעמאַכט און איהרע פינגער זיינען פון די קלאַווישען ניט אַראָב... עפּעס אַ מורא'דיגער קול, אַ געשריי פון שרעק האָט זיך פון איהר אַרויסגעהערט... איהר האַרץ פיהלט, אַז ער שטעהט דאָרט אונטערן בוים. זעהן זעהט זי איהם ניט. אומזיסט סטאַרטשען איהרע אויגען אַרויס אין דעם חושך, אומזיסט זוכען זיי זיין בלייך פנים, זיינע בליצענדע אויגען — נאָר איהר האַרץ נאַרט איהר דאָך ניט אָב: ער שטעהט ווירקליך אונטערן בוים! —

פון איבער די בערג אַרום און אַרום הערט זיך אַ קראַכענדעס דונערן, און די שטימע פון דער פיאַנאָ רייצט זיך דערמיט און וויל עס אַריבער־שטייגען; אַ ציטערנדער, בענומענער קול מישט זיך אוים מיט דעם צאָרן פון דער נאַטור — פלוצלינג גיט עס אַ בליץ... און זייערע אויגען האָבען זיך בעגעגענט! — —

„און אין איין אויגענבליק האָב איך, נאַר וואָס איך בין, געזעהן אַן איביגקייט, אַן אונענדליכקייט... אין די אויגען פון אַ שטערבליכען מענשען האָב איך געזעהן אַלעס, אַלעס, די ברייטקייט פון דער וועלט, די טיעפקייט פון אָבגרונד און די הויכקייט פון הימעל!"

איצט האַלט זיך דאָס דאָזיגע ליכט אין איין אויסלעשען...

מיט אַמאָל האָט זי זיך דאָס געזיכט פערשטעלט, כדי ניט צו זעהן וואָס עס טהוט זיך אַרום איהר.

— און איך האָב געמיינט — צוגיסען זיך ווידער אַמאָל איהרע מחשבות — אַז איך וועל אויף שטענדיג זיין די נשמה פון זיין פּאָעזיע, די זעעלע פון זיין דיכטונג... איך האָב געמיינט, אַז זיין האַרץ וועט מיין

פֿידעל זיין, די ע ר ש ט ע פֿידעל פֿון מיין מוזיק — אָבער, אַך! אי פֿון זיין פּאָעזיע, אי פֿון זיין ליעבע איז גאָרנישט געבליבען...

שוין עטליכע טעג, אַז די פֿעדער קומט איהם אין האַנד ניט אַריין — און פֿאַר מיין שפּיעלען האָט ער קיין אויער און קיין האַרץ ניט! — —

נאָר צו וואָס טויגען די גוטע, די גליקליכע זכרונות פֿון דער פֿערגאַנ־גענהייט! אַ שרעקליכער אָבגרונד טהיילט אָב דעם נעכטען פֿון דעם מאָרגען...

„זייט עדות איהר בייזע דונערן!"...

אַזוי האָט ער דאַן זיין ליעד אָנגעפֿאַנגען; נאָר זי האָט איהם מיט איהרע זיסע קושען די ליפּען פֿערשלאָסען... ניט קיין רייד — נאָר קושען, נאָר דאָס שטילע ציהען פֿון דעם אָטהעם — דאָס איז די ליעבעס־שפּראַך —

— אָבער נאָך וואָס קומט איהר אַלץ צוריק, מיינע עראינערונגען? וואָס קומט דערפֿון אַרויס? איהר פֿערוויאַנעטע בלומען! פֿערלאָרען איז דער רייץ פֿון די שעהנע פֿאַרבען, מיט'ן רויך איז אַוועק דער זיסער ריח, נאָר די דערנער זיינען נאָך מעהר פֿערשפּיצט און פֿערשאַרפֿט געוואָרען דורכ־צולעכערן דאָס פֿערוואונדעטע, פֿערוויטאָגטע האַרץ. — —

* * *

— מרים! — האָט זי פּלוצלינג דערהערט אַ קול פֿול מיט געבעט, חרטה און ליעבע.

אַ פֿערציטערטע איז זי געבליבען, נאָר די אויגען האָט זי ניט געעפֿענט; זי האָט מורא געהאַט טאָמער וועט זי זיך איבערצייגען, אַז דאָס רעדט ניט ע ר, נאָר איהר איינבילדונג, איהר קראַנקער גייסט. —

— מרים! — האָט זיך די שטימע ווידער אַמאָל געבעטען.

הויבט זי אויף דעם קאָפּ און לאָזט איהם אַראָב אויף זיין אַקסעל.

„זייט עדות, איהר בייזע דונערן!" הויבט ער אָן זיין ליעבלינגס־ליעד.

ווייסען ווייסט ער גאַנץ גוט, אַז ביי איהם אין מויל איז אַזאַ מין כשוף דאָ, זי צו בעצויבערן און איהרע זיסע קושען צו געווינען; אָבער דאָס מאָל לייגט זי נור איהר האַנד אַרויף אויף זיינע ליפּען, אַ קליינע, קאַלטע האַנד.—

— מרים! — גנב'עט זיך זיין זיסע, ציטערנדע שטימע פֿון אונטער איהרע פֿינגער צו איהר אין האַרצען אַריין — מרים! וואָס איז דיר אַזוינס? צוואויינט זי זיך אויף'ן קול.—

— מרים! — צורייסט ער איהר האַרץ מיט זיין ווייכען קול — איז דאָס אַלעס דערפֿאַר וואָס איך האָב היינט ניט געקענט הערען דיין פּיאַנאָ שפּיעלען?

— צי איז דאָס ניט קיין צייכען, אַז...
נאָר דאָס מאָל לאָזט ער איהר ניט ענדיגען.

— זיי ניט איבעראיילט אין דיין אורטהייל!...

— וואָס זשע איז דיר פּאָרט אַזוינס, דוד? —

— גלויב מיר, מרים, גלויב אין מיין ליעבע צו דיר. דער אינהאַלט נור פון דיין מוזיק איז מיר היינט ניט געווען צום האַרצען — —

— פאַר וואָס?

— מחמת, ער האָט זיך ניט צוגעפּאַסט צו מיין זעעלען־צושטאַנד, וועלכער איז איצט אַסך, אַסך שטאַרקער פון מיר, פון דיין מוזיק און אפילו פון אונזער ליעבע — — אַ נייער גייסט האָט מיך אויפגעהויבען און טראָגט מיך אַרום אויף זיינע פליגלען, אַ גרויסער, אַ מעכטיגער גייסט...

— און אָט דער גייסט בלייבט פרעמד פון מיר, אונזערע הערצער זיינען פערשיעדען, אונזערע זעעלען־צושטענדע שטימען ניט — צי איז דאָס ניט אַ סימן?...

— ניין, מרים! פון דרויסען איז דער דאָזיגער גייסט געקומען... ניט אין אונזער לעבענס־וועלטעל איז ער געבוירען געוואָרען... פון אַן אַנדער וועלט קומט ער צו מיר... און אַ שפּיציגען צאָהן, אַ שאַרפען נאָגעל האָט ער מיר אין האַרצען אַריינגעזעצט...

— פאַרוואָס זשע זאָל איך איהם אויך ניט פיהלען דעם צאָהן, דעם נאָגעל?—

— פאַרוואָס? ווייל די ליעבע איז עגאָאיסטיש... מיט אַלע כוחות האָב איך געזוכט אָט דעם געמיטהס־צושטאַנד פון דיר צו פערבאָרגען. איך האָב ניט געקענט פערביטערן דיין האַרץ. איך האָב מורא געהאַט, די שטערן פון מיין הימעל זאָלען ניט אויסגעלאָשען ווערן...

— דוד! — האָט זי מיט פערדרום אויסגערופען.

— שוין עטליכע טעג, אַז איך קעמפף מיט מיר אַליין, נאָר מיינע כוחות געהען מיר אויס...

— וואָס איז דאָס אַזוינס, דוד? זאָג! — האָט זי זיך ביי איהם געבעטען.

— וואָס דאָס איז, פרעגסט דו? פון אונזער פענסטערל האָב איך אַרויסגעקוקט אין לעבען אַריין—

— אמת! — איז זי זיך מודה — אין אונזער גליק האָב איך די גאַנצע וועלט פערגעסען, דאָס ביטערע, פינסטערע לעבען פון די מענשען, דאָס...

— פאָלק!... — כאַפּט ער איהר אונטער.

— יאָ! —

— זיינע צרות! —

— יאָ, יאָ! — פֿערצייה מיר, דוד — האָט זי אויסגערופֿען און איז איהם אין די אָרעמס אַריינגעפֿאַלען.

— וואָס! דו געהסט שוין ווידער צום קלאַוויר? — האָט ער אונצופֿריעדען געפֿרעגט.

— כ'וועל עפּעס שפּיעלען, — האָט זי מיט אַ שמייכעל געענטפֿערט.

— ניין, מרים, ניין. איך קען ניט הערען. —

— קום אַהער! — האָט זי בעפֿוילען.

איז ער צוגעגאַנגען.

— זיץ! —

האָט ער זיך אַנידערגעזעצט.

— דוד! — האָט זי מיט אַ פֿעסטער שטימע געזאָגט — איך קען ניט דערלאָזען אויף אַ מינוט אפילו, אַז אונזערע נשמות זאָלען זיין צוטהיילט, אַז זיי זאָלען אויף איין איינציגע רגע אפילו זיך פֿערנעהמען אויף פֿערשיעדענע וועגען. דו וועסט ר י י ד ע ן און איך וועל ש פּ י ע ל ע ן.

— אומעגליך, מרים!

— וואָרום? —

— ווייל פֿאַר די יעצטיגע לעבענס-געשעהעניסען זיינען אין דער מוזיק קיין נאָטען ניטאָ —

— לאָמיר פּרובירען! —

— פּרוביר, — האָט ער מיט אַ ביטערן טאָן געענטפֿערט — שפּיעל מיר פֿון אונטערדריקונג, פֿון הונגער, פֿון דורשט, פֿון שאַנד און שמאַך, פֿון שפלות און הכנעה — שפּיעל מיר פֿון אַ פֿערטרויערט, פֿערוויסטאָגט האַרץ, פֿון אַ פֿערפֿוילטען מוח, פֿון הענד און פֿיס, וועלכע ווערן געליימט פֿון אַרבייטסלאָזיגקייט —

— גענוג! — האָט מרים אויסגערופֿען — גענוג דיר אויסצוגיסען דיין האַרץ; הער זיך צו, איך וועל שפּיעלען.

— כ'קען ניט! —

— איך בעט דיך! נאָר דאָס מאָל! —

ער האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און זי האָט אָנגעהויבען שפּיעלען. . .

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

אַ ים פֿון טרעהרען האָט זיך אויסגעגאָסען אין'ם שטיקעל מוזיק, וואָס

זי האָט געשפּיעלט. וויינענדע כוואַליעס האָבען זיך געקאַטשעט אַהין און אַהער, וועה־געשרייען האָבען זיך געהויבען אין דער לופֿטען.. — —
— — — — — — — — — — — — — — —

— יום כפור!" „כל נדרי!" — האָבען זיינע ליפּען געשעפּטשעט — אפילו אונזערע זינד דערמאָנסט דו.

— אָה, גרויסער שמערץ! — האָבען זיינע ליפּען אַרויסגערעדט.

און טויזענדער קולות האָבען זיך געהויבען און געהויבען אין דער לופֿטען— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

מיט אַמאָל איז די שטימע פֿון דער פֿלייט אַריינגעפֿאַלען אין דעם ים פֿון געוויין און האָט זיך גענומען מישען מיט די האַרצרייסענדע קולות.. זי קעמפֿט מיט דעם ים, די פֿלייט.. אָט ווערט זי פֿון איהם פֿערטרונקען און אָט קומט זי באַלד ווידער אַרויף און שרייט אַריבער זיין שטורם.. ביסלאַכווייז בערוהיגט זיך אויך דער ים און די שטימע פֿון דער פֿלייט געהט אַלץ העכער.. איבער די האַלב בערוהיגטע כוואַליעס הערט זיך איהר קלאַנג — אַ לייכטע, זיסע מוזיק, די מוזיק פֿון'ם בויער, פֿול מיט פּראָסטקייט, מיט נאַטירליכקייט, מיט האָפֿנונג און מיט צוטרוי...

פֿון דער געדיכטער פֿינסטערניש האָבען אַ שיין געטהאָן עטליכע ליכט־שטראַהלען.. עטליכע פֿונקען פֿון האָפֿנונג פֿאַר דעם לעבענס־מיעדען וואַנדערער—

נאָר מיט אַמאָל האָט זי אויפֿגעהערט שפּיעלען. אָהן כוחות איז זי געבליבען און אַ שטראָם פֿון קושען האָבען בעדעקט איהרע באַקען — —

ענדע.